גליון

# מאר הזמן

~ אידיש ~

## אלול תשפ"ה

מאמר: לְכוּ וְנָשׁוּבָה אֶל ה';
וויאזוי קען מען זוכה זיין צו די
מתנה פון 'תשובה מאהבה'?

שנאמרה ע"י כ"ק
מרן אדמו"ר
שליט"א



יצא לאור
על ידי מערכת פנים
מאירות סיקסא

## מערכת פנים מאירות
## מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

יכולין לשמוע השיעורים:
בקול פנים מאירות

ארה"ב: -845-414-8211
845-414-0076
א"י: 072-370-1823
ענגלאנד: 0330-350-3190
ארגענטינע: 5411-2152-7691
אנטווערפן:323-346-0673

לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:
gilyonospm@gmail.com
גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות

# לְכוּ וְנָשׁוּבָה אֶל ה'

## וויאזוי קען מען זוכה זיין צו די מתנה פון 'תשובה מאהבה'?

א גוטן טאג חשובע בחורים, עס איז א זכיה אז מען קען זיצן און זיך אויסשמועסן מיט בחורים, ערב ראש חודש אלול, וואס זיי זיצן און לערנען. חסידישע צורות, לעכטיגע צורות, עס געבט א געשמאק, ב"ה, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין מיט סייעתא דשמיא.

#### עס איז פארהאנען 2 תשובה'ס תשובה מיראה און תשובה מאהבה

אז מען רעדט פון די ענין פון תשובה, ערב ראש חודש אלול. מען זעט אז דער **רבי ז"ל** ברענגט אין **דברי יואל**, עס שטייט אפשר מער פון צען מאל, א געוואלדיגער רעיון וואס מען דארף זיך ארייננטראכטן ווען מען רעדט פון תשובה. זאגט ער אזוי. עס איז דא 'תשובה מאהבה' און עס איז דא 'תשובה מיראה'. וואס איז די חילוק פון 'תשובה מאהבה' און 'תשובה מיראה'?

'תשובה מאהבה' מיינט זייער פשוטע ווערטער, א מענטש האט ליב דעם אייבערשטן און ער טוט תשובה. באלד וועט מען זען, אויף וואס מען דארף תשובה טון, אבער תשובה טון, איך האב אים ליב. און נאכדעם איז דא 'תשובה מיראה', איך האב מורא פונעם אייבערשטן. עס איז דא א 'יראה עילאה', מען האט א דרך ארץ פארן אייבערשטן, מען האט א יראת הכבוד.

#### עס איז נישט מעגליך פאר א מענטש צו טון 'תשובה מאהבה'

זאגט דער רבי מורא'דיגע ווערטער. עס איז נישט דא אזא היכי תמצא, אז א בשר ודם זאל טון 'תשובה מאהבה', עס איז נישט דא אזא זאך, עס איז נישט מעגליך. עס איז נישט דא אזא מציאות. פארוואס? אויף דעם ברענגט ער, א מענטש קען נישט בדרך הטבע ליב האבן א זאך וואס ער זעט נישט, און ער ווייסט נישט וואס דאס איז. איך וועל דיר זאגן עפעס א געוויסע מאכל אויף די וועלט, ווערסטו עס נישט ליב האבן, ווילאנג דו ווערסט עס נישט טועם זיין. 'תשובה מאהבה' מיינט ליב האבן דעם אייבערשטן. א זאך וואס מען זעט נישט, און מען קען נישט זען מיט די אויגן, איז נישט מעגליך בדרך הטבע, עס זאל זיין אזא מציאות פון תשובה מאהבה.

וואס רעדן חז"ל פון תשובה מאהבה? זאגט דער רבי הפלא'דיגע ווערטער, די תירוץ איז, עס איז טאקע נישט דא אזא זאך. נאר אויב א מענטש דינט דעם אייבערשטן, און ער וויל באמת תשובה טון, געבט אים דער אייבערשטער א מתנה בדרך נס, אז ער קען ליב האבן דעם אייבערשטן. ליב האבן דעם אייבערשטן איז א מתנה בדרך נס. א מענטש דינט דעם אייבערשטן, ער וויל לערנען, ער וויל דאווענען, ער וויל מקיים זיין די מצוות התורה, ער וויל טון וואס עס איז ריכטיג. געבט אים דער הייליגער באשעפער א מתנה בדרך נס, ער קען ליב האבן דעם אייבערשטן.

עס איז נישט קיין עבודה, וואס דו קענסט עפעס טון דערפאר, אזוי שרייבט דער רבי.

**תשובה מיראה איז די עבודה פון א מענטש**

'תשובה מיראה', דאס איז יא שייך. ווייסט פארוואס? ווייל בדרך הטבע, מען זעט, אז מען ווערט באשטראפט, מענטשן הערן זאכן, דא הערט מען אזא מעשה און אזא מעשה ח"ו, מענטשן גייען א דורך יסורים, מענטשן גייען א דורך שוועריגקייטן. 'יראה' איז 'דרך הטבע', ממילא איז שייך אז א מענטש זאל תשובה טון באופן יראה. חוץ מזה, עס איז בדרך השכל. עס איז בדרך הטבע, א מענטש האט מורא אז מען זאגט אים דאס און דאס וועט געשען, אפילו ביסט נאך קיינמאל נישט דארט געווען, מען וועט דיר זאגן, אז דארט טאר מען נישט גיין, ווייל דארט איז א סכנה, וועסטו נישט גיין און פערטיג. אפילו וועסט עס נישט קיינמאל האבן געזען, דאס איז א טבע, מורא צו האבן פון זאכן וואס מען סטראשעט אז מען זאל מורא האבן.

**יראת הכבוד ווייל ער איז העכער פון אונז**

נאכדעם איז דא זאכן וואס איז 'יראת הכבוד'. מען האט נישט מורא פון א רבי, למשל דער בעל שם טוב הק', ווען איינער איז אריינגעגאנגען, האט מען דען עפעס מורא געהאט? ער איז א שלעכטער מענטש? אבער מען האט זיך געווארפן פאר פחד... דאס איז יראת הכבוד, עס איז א יראת הכבוד. ער איז העכער פון אונז, איז בטבע מען איז זיך מכניע. דאס איז יראה עילאה. אזוי ברענגט דער רבי.

**האסט נישט 'תשובה מאהבה'? עס איז נישט בידך!**

דאס איז א הפלא'דיגע זאך צו וויסן. פארוואס? ווייל זייער אסאך מאל, א מענטש פאר זיך, ער וויל תשובה טון. ער שפירט נישט... עס ארבעט נישט... איר ווייסט, די ערשטע שטיקל 'יום כיפור קטן', מען הייבט אן 'תפלה לעני', גייט עס נאך גאנץ בחסד, אבער צוביסלעך, די קאפ איז שוין אין נאך פלעצער, מען הייבט אן צעבראכן ווערן, "שוין, אזוי זע איך אויס!"... ווען מען האלט שוין ביי די ווידוי טראכט מען "שוין, אזוי זעט אויס מיין הייליגע טעג!"... און אזוי זעט אויס בעצם די גאנצע הייליגע טעג, די גאנצע ראש השנה יום כיפור'דיגע דאווענען.

'במוצאי מנוחה' עס דינערט! פלוצלונג טרעפט מען זיך, מען איז צוריק אין די דמיונות און חלומות, די מח פארט, און די קאפ דרייט זיך.

א מענטש ווערט צעבראכן, אבער דאס איז אלץ תשובה. ביסט נישט אין תשובה מאהבה, האסט נישט די מתנה פונעם אייבערשטן, אויף דעם דארף מען הארעווען צו באקומען די מתנה, עס איז אן הארעוואניע, עס איז אן השתוקקות וואס א מענטש דארף הארעווען, עס איז אבער נישט א פעולה וואס דו קענסט טון.

די וועלט זאגט א מילתא דבדחותא אויף דעם. א טאטע האט צוגערופן די קינד, און ער זאגט: "יענקעלע, האסט מיך ליב?" די קיד זאגט: "ניין! איך האב דיר נישט ליב טאטע!"... דער טאטע האט אים אראפגעלאזט צוויי פעטש, און ער פרעגט ווייטער: "יעצט האסטו מיך ליב?!". זאגט די קינד: "טאטע, איך מיין אז יעצט האב איך דיר שוין ליב, יאו!"...

מען קען נישט צווינגן א מענטש ליב צו האבן, עס איז אן הארעוואניע. אז א מענטש הארעוועט, ער לייגט אריין כוחות אין דאווענען, אין לערנען. גיבט אים דער אייבערשטער א מתנה, ער האט ליב דעם אייבערשטן. אונז דארף מיר טון אנדערע זאכן, ציצוקומען צו דעם.

יעדער איד וויל דאך זוכה זיין צי תשובה מאהבה, אבער דער רבי זאגט, קענסט עס נישט אליינס נעמען, דארפסט עס באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז מען הארעוועט באקומט מען עס. אבער דער ישמחה משה זאגט, אז 'תשובה ברבים' האט א דין פון 'תשובה מאהבה'. אז עס זיצן אידן אין א בית מדרש באחדות, מען קריגט זיך נישט ארום, און מען טוט תשובה באהבה, אהבת חברים, עס איז דא אן אחדות, און עס איז א כח הרבים. זאגט דער ישמח משה, אז דאס האט א דין פון תשובה מאהבה. כדי אונז זאלן מיר האבן די זכיה אז 'זדונות נעשין לזכיות', א כח הרבים, האט די געוואלדיגע כח.

ווען א איד טוט תשובה באמת, גיבט אים דער רבוש"ע א מתנה 'תשובה מאהבה'. אונזער הארעוואניע איז, צי ווייזן פארן הייליגן באשעפער 'אונז וויל מיר באמת'! דאס איז אונזער הארעוואניע. די זעלבע זאך איז, ווען א מענטש זעצט זיך לערנען און ער ווארט אויף 'כשרונות'. איר זענט בחורים, איר ווייסט 'כשרונות' איז א מתנה פונעם אייבערשטן. כשרונות קען נישט א מענטש גיין קויפן אין קיין שום געשעפט נישט, אבער וואס א מענטש קען טון צו כשרונות איז: רעדן צו דער אייבערשטער, און בעטן פונעם אייבערשטן, און ער זאגט פארן רבוש"ע 'איך וויל לערנען תורה, איך וויל קענען לערנען, פשוט און גראד, איך וויל פארשטיין דיין תורה!', מען גיבט די הארץ, די ליבשאפט צום אייבערשטן, וואס אונז פארשטיי מיר נישט וייל

אונז האבן עס נאכנישט געזען און געשפירט, און איינער וואס האט נאכנישט טועם געווען די טעם פון די תורה, ווייסט אפילו נישט פון וואס מען רעדט, אבער ער זעט אז עס איז דא עפעס אין דעם - דער אייבערשטער געבט אים א מתנה.

### מען קען נישט ארויפגיין א מדריגה אן א קריאה פונעם אייבערשטן

עס איז דא א באקאנטער אפטער רב אין 'ילקוט אוהב ישראל'. איר קענט די ווארט פונעם אפטער רב אויף פרשת ויקרא? זאגט ער א הפלא'דיגע פלא'דיגע זאך. עס שטייט אין פסוק 'ויקרא אל משה', זאגט רש"י: אז ביי יעדע קריאה וואס דער אייבערשטער האט גערופן משה, יעדע דיבור, יעדע ציווי, איז געווען קודם א קריאה, זאגט רש"י, אז משה רבינו איז נישט געגאנגן רעדן מיט די שכינה ווילאנג דער אייבערשטער האט אים גערופן, אזוי אויך יעדע מענטש - הערט ווערטער פונעם אפטער רב - וואס ער וויל ארויפגיין פון איין מדריגה צום צווייטן, קען ער נישט ארויפגיין פון איין מדריגה צום צווייטן, ווילאנג מען רופט אים נישט פון הימל, ער קען נישט! אונז קען מיר נישט ארויפגיין פון איין מדריגה צום צווייטן, אין תורה עבודה ויראת שמים, נאר אויב דער אייבערשטער רופט אים, און זאגט אים: "איך האב דיר בוחר געווען, קום, איך וויל דו זאלסט ארויפגיין אין א העכערע מדריגה!", מען קען נישט ארויפגיין.

### די סיבה פון 'חסידים משוגעים' און 'בעלי מרה שחורה' איז דאס וועלן ווערן 'בעלי מדריגות'

זאגט ער נאכמער: טאמער דו ווילסט נישט, וועט מען דיך צווינגן. אויב מען וויל, און מען וויל נישט פון הימל, וועט עס דיר נישט גיין, און אויב מען וויל פון הימל, און דו ווילסט נישט, וועט מען דיך צווינגן. זאגט ער די ווערטער, הערט ווערטער פונעם אפטער רב! זאגט ער אזוי: אונז זע מיר 'חסידים משוגעים', אזוי שרייבט ער, 'משוגעים', קוק עס נאך, 'בעלי מרה שחורה', פון וואו קומט דאס? א מענטש וואס ער לערנט און ער דינט דעם אייבערשטען, ער זאל ווערן א משוגענער? ער זאל האבן מרה שחורה? אזוי זאגט ער די ווערטער, דער הייליגער אפטער רב! זאגט ער: פון תורה? עס קען נישט זיין! פקודי ה' ישרים משמחי לב, תורה איז משמח, עס קען נישט זיין א מענטש זאל האבן מרה שחורה און ווערן א משוגענער דורך לערנען תורה, עס קען נישט זיין! אלא מאי, איר ווייסט פון וואו עס קומט? נאר ווען א מענטש גייט אויף א לייטער, און ער וויל זיין אויף א פלאץ וואו דער רבוש"ע האט אים נישט געגעבן די כשרונות און די כוחות און די מדריגה - ניין! דו קענסט נישט זיין אויף די פלאץ! דו ווילסט אנקומען דארטן, און זיין גאנצן עבודה איז, ער וויל ווערן א 'בעל מדריגה', ער וויל האבן מדריגות - אין די תורה שטייט: 'לא תעלה במעלות על מזבחי', מען קען נישט דינען דעם אייבערשטן צו האבן מדריגות, נישט דא אזא זאך! - ווערט

מען מרה שחורה! ווערט מען משוגע! אזוי זאגט דער אפטער רב.

**נישט ווערן צעבראכן ווען מען האט נישט קיין מדריגה**

א מענטש דארף דינען דעם אייבערשטן בתמימות, תמים תהיה עם ה' אלקיך. נעם דיינע כוחות, דיינע כשרונות, וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, דיען דעם אייבערשטן, דאווען, קענסט מאכן סגולות, קענסט אנצינדן אכטצן לעכט און אכטצן מאל זאגן קאפיטל פ"ו פאר רבי מתיא בן חריש, קענסט מאכן וואס דו ווילסט, קענסט זינגען 'רבי ישעיה בן רבי משה'... וואס נאך איז דא היינט?!... קענסט טון די גאנצע פעקל... אבער באקומען א מדריגה אליינס, מיט דיינע אייגענע הענט, מען קען נישט! מען קען נישט ווערן צעבראכן ווען מען האט נישט קיין מדריגה, און מען קען זיך נישט איינרייסן. אונזער ארבעט איז: ניצן די כוחות וואס איך האב, די כשרונות וואס איך האב, די סדר היום וואס איך האב, די חברותא וואס איך האב. נישט וואס איך וויל - וואס איך האב! און די פלאץ וואו איך בין, אויף די אופן וויאזוי איך בין, און טון ריכטיג, און אז דער אייבערשטער וועט וועלן, וועט ער דיר געבן א מתנה. און דאס איז די גרעסטע הצלחת החיים וואס א מענטש קען האבן אין לעבן.

**יעדער איז ערנסט וואו בין איך?**

עס מאכט זיך אסאך מאל אין די הייליגע טעג, אלול און תשרי, א בחור, א אינגערמאן, ער פילט, 'ער שפירט נישט'... ווייסט, ער שטייט שוין פאר תקיעת שופר, און ער קוקט זיך ארום, די ערנסטע אינגעלייט זענען אזוי אנגעצויגן, ער מאכט אויך די אלע דרויסענדיגע תנועות, אבער ער ווייסט, אינעווענדיג, מהיכי תיתי? די גמרא שטייט: 'רחמנא אמר תקעו' מען גייט צום שופר. וויאזוי קענסטו אנקומען צו די ערנסקייט? אויב דער אייבערשטער וועט דיר געבן א מתנה!

**ערב ר"ח אלול קען מען זיך אנגרייטן צו זיין גרייט צו באקומען די מתנה פון תשובה מאהבה**

אבער 'ערב ר"ח אלול' קענסטו טון עפעס דערצו. אז דו וועסט פון ערב ר"ח אלול אויסניצן די טעג אויף תורה עבודה ויראת שמים, אויף תיקון המעשים, רעדן אביסעלע וויניגער דברים בטלים, אביסל, א משהו, אפילו עס איז דא פאליטיק, וועסט איין טאג נישט רעדן פאליטיק. און איין זאך קען איך אייך זאגן: בזמנינו, איין טאג נישט רעדן פאליטיק איז מער פון אלע תעניתים! עס איז יסורי איוב, איוב'ס גהינם! אבער איך זאג דיר, עס איז תיקון עוונות!

אידישע צו גויאישע פאליטיק, עס אידישט זיך, עס גויאישט זיך, מען לעבט זיך אריין אין די וועלט. איין טאג נישט הערן קיין נייעס, דארפסט אפילו נישט א גאנצן טאג, איך מיין א האלבע טאג וועט אויך זיין גענוג... דעמאלסט געבט דער אייבערשטער א מתנה! ווייל ווען דער אייבערשטער זעט אז מען טוט פעולות כדי ער זאל דינען דעם אייבערשטן, כדי ער זאל פארשטיין וואס איז דאס תשובה, כדי ער זאל

פארשטיין וואס איז דאס תקיעת שופר - באקומט ער א מתנה!

אבער א מתנה באקומט מען נישט פון רעדן וואס מען וויל, פון עסן וואס מען וויל, פון שלאפן ווען מען וויל, און לעבן זיך א גוטן טאג, א חיים טובים, און מען זאגט: "רבוש"ע! יעצט שיק מיר מדריגות!". ניין, עס גייט נישט אזוי. ער וועט דיר שיקן זיסע מעלאנעס פאר דעם פרייז, דאס וועט ער דיר יא שיקן, ווייל אויף דעם ארבעסטו! אז דו ווילסט מדריגות, אויף דעם דארף מען טון אין רוחניות.

#### אויף וואס מען דארף הארעווען דארט פארלייגט זיך דער יצר הרע

עס איז דא א באקאנטע מעשה, וואס איז געווען ביי איינע פון די תלמידי בעל שם. מען זאגט עס אויף דעם צדיק, אויף יענעם צדיק, אבער די מעשה גייט אזוי:

ל"ע, קיינער זאל נישט וויסן, ער איז געווען זייער נישט געזונט, ער איז געלעגן אין בעט, ער האט ממש נישט געהאט קיין כח זיך צו רירן, און ער האטנישט געטארט עסן אויך נישט, ווייל ער האט זיך געדארפט היילן. ער איז געלעגן אין בעט, און קיינער איז נישט געווען אין שטוב. אינמיטן האט ער געזען אויבן אויפן שאפע ליגט אביסל הערינג. נישט מער און נישט וויניגער, קראנקערהייט, שוואכערהייט, ער האט זיך אויפגעשטעלט, און געגאנגן נעמען די הערינג, און אראפגעטראסקעט אויף די ערד...

מען הערט אין שטוב א זעץ, איז מען שנעל אריין, מען זעט אים ליגן אויף די ערד. מען האט אים שנעל אויפגעהויבן, און מען פרעגט אים: "וואס גייט דא פאר רבי?".

האט ער פארציילט, ער האט זיך אויפגעשטעלט צו נעמען הערינג, און ער איז געווען צי שוואך, איז ער אראפגעפאלן.

איז מען געגאנגן צום בעל שם הק'. האט דער בעל שם הק' געזאגט - הער א מעשה - זאגט ער: ווען איינער איז נישט געזונט, איז ער פטור פון יעדע מצוה, ער דארף נישט פאסטן יום כיפור אויב ער האט נישט קיין כח, אפילו חילול שבת מעג מען מאכן, חלילה דער אייבערשטער זאל אפהיטן, אויף איינעם וואס איז נישט געזונט. זאגט ער: איין מצוה האט ער, 'ונשמרתם מאוד לנפשותיכם', אויף דעם האט זיך דער יצר הרע פארלייגט, און ער האט אים געגעבן כוחות עצומות, אז ער זאל זיך קענען אויפהייבן פון בעט, ארויפקריכן צום שאפע, און אראפטראסקען אויך... ווייסט פארוואס? ווייל אויף די זאך אויף וואס א מענטש דארף הארעווען, דארט קומט אריין די נסיון, דארט קומט אריין זיינע שווערינקייטן. אבער דארט געבט אים דער יצר הרע כוח.

נאר ביי אן אפענע גמרא שלאפט זיך א מחיה...

איך האב אמאל געפרעגט א שאלה, איך וויל זאלסט מיר זאגן: האסטו שוין אמאל געזען א איד אינמיטן די חתונה, און ער ווערט מיד, און פשוט ער שלאפט איין, ער פאלט אראפ אויף די ערד? האסט עס שוין אמאל געזען? דו האלסט עס קען געשען? אבער ביי די גמרא געשעט עס יא! פארוואס ביי די גמרא געשעט עס יא? פארוואס אינמיטן טאנצן ווערסטו נישט מיד? 'איך בין אויפגעווען א גאנצן טאג, און עס איז שוין צווייע ביינאכט!'... קיינער פאלט נישט פלוצלונג אראפ אויף די ערד, ווייל איך בין מיד... אויך שבועות ביינאכט, זעט מען מענטשן דרייען זיך ארום, מען נעמט א שווארצן קאווע, מען זאגט די תיקון שטייענדיגערהייט מען זאל נישט אראפפאלן. אבער ווען מען זעצט זיך אראפ ביי די גמרא, פלוצלונג א מחיה! עס שלאפט זיך!...

ווייסט איר פארוואס?

ווייל דארט האסטו דיין נסיון! ווען מען טאנצט ביי א חתונה האסטו נישט קיין נסיון איינצושלאפן, ביים טאנצן ביי א חתונה האסטו א נסיון צו לערנען, אבער נישט צו שלאפן. ביי די גמרא דארטן איז די נסיון צו שלאפן, ממילא דארט געבט דיר דער יצר הרע קאפ-ווייט, און ער מאכט דיך מיד, אז עס איז נישט מעגליך אויסצוהאלטן אפילו, עס איז נישט מעגליך!! ווייל עס איז טאקע נישט, ווייל דאס איז דיין נסיון.

רבי הירש'לע רימנובער זצ"ל האט געזאגט אמאל: וואס איז די נסיון פון אן עושר אין פורים? צו זיצן אין לערנען! און וואס איז די נסיון פון אן ארימאן אין פורים? טיילן געלט! א יעדער וויל טון פארקערט ווי זיין תפקיד איז, דאס זענען אונזערע נסיונות! דארט גיבט אונז דער יצר הרע כוחות, תורות און סברות, שיינע פארשטענדענישן.

טון די תפקיד בשלימות אין די ריכטיגע צייט

מען דארף ציוויסן, ווען מען רעדט פון תשובה טון, מיינט: טון די תפקיד, און טון די תפקיד בשלימות, און זען אז דארטן ליגט א שווערע יצר הרע, און וויינען און בעטן דעם אייבערשטן: "ניין! איך גיי מיך שטארקן!" ווען איך דארף לערנען, וויל איך נישט שלאפן, און ווען איך דארף שלאפן, וויל איך נישט אויפזיין.

דאס איז אויך א חידוש בזמנינו: מען דארף שלאפן! היינט גייט מען שפעט שלאפן. איך האב אמאל געהערט פון תולדות אהרן רבי ז"ל, הרה"ק רבי אברהם יצחק זצוק"ל, האט ער געזאגט ביי א שמועס: עס איז נישט קיין חילוק ווען מען לייגט זיך, די זמן פון אויפשטיין, און די זמן פון דאווענען, האט גארנישט מיט גיין שלאפן. מען שלאפט נישט ווען מען איז מיד, מען שלאפט ווען עס איז די זמן פון שלאפן. מען עסט נישט ווען מען איז הונגעריג, מען עסט ווען עס איז די זמן פון עסן. און מען לערנט ווען עס איז די זמן פון לערנען. האט ער געזאגט, אז איינער פון די גרויסע יצר הרע'ס ביי בחורים

איז, צו לערנען ביי מיטאג... אזוי האט דער תולדות אהרן רבי דעמאלסט געזאגט. ווייסט, נאך נאכט סדר, זיך צו זעצן לערנען... 'מען קען נישט אזוי גיין שלאפן'... יעצט קומט דער יצר הרע מיט התמדת התורה! אדער סתם כאפן א שמועס 'מען קען נישט אזוי גיין שלאפן נאך א שווערן טאג ארבעט' - דאס איז דער יצר הרע. ווען א מענטש וויל באמת באקומען מתנות פונעם אייבערשטן, אין תורה אין עבודה אין יראת שמים, אין הצלחת החיים - די וועג איז: טון וויאזוי עס איז ריכטיג. שטארק זיך, ווען מען דארף זיך שטארקן. און זוך נישט אנדערע זאכן וואס צו טון.

#### דער אייבערשטער ווארט פון די יונגע עולם אן אנדער סארט תשובה

עס ווערט געברענגט אין די ספרי מוסר א משל. עס איז געווען אמאל דער שר ניקאליי, דארט האט מען דאך געדארפט גיין אין די מיליטער געצווינגענערהייט, און דער עולם פלעגט זיך באהאלטן, מען פלעגט דאך אנטלויפן, 'טמיר ונעלם' האט מען זיי גערופן ביי די אידן. און איינמאל האט ער געזען עס איז נישט קיין תכלית, די מיליטער איז אויסגעליידיגט, וואס ווערט ער האבן פון א גאנצן טאג גיין און שטראפן, און לייגן אין תפיסה מענטשן? האט דער צאר ניקאליי געלאזט אויסרופן, אז די קומענדיגע פאר טאג, ווער עס מעלדט זיך אין די מיליטער, וועט מען נישט באשטראפן פארן אנטלויפן, און מען וועט אים ארייננשיקן אין מיליטער, און מען קען זיך יעצט מעלדן! ער האט פשוט געוואלט אויפלעבן צוריק די מיליטער, און נישט דארפן אזויפיל זוכן די אלע אנטלאפענע.

די גאנצע עולם איז געקומען, מען האט זיך געמאלדן. אז מען וועט נישט באשטראפט ווערן, לוינט זיך צו קומען. ער האט גענומען די אלע אלטע, און ער האט זיי געלייגט אויף איין זייט, די יונגע אויף א צווייטע זייט. וואס האט ער געטון מיט די אלע אלטע? ער האט זיי אריינגענומען אין בית המשפט אריין, און געמאכט א גרויסן משפט, וואס הייסט ביסט אנטלאפן? האבן די אלטע געזאגט: איך פארשטיי נישט, די אלע יונגע לאזט איר גיין, און נאר אונז אלטע נעמט מען זיך איבער אונזערע ביינער?! האט ער געענטפערט: יא ענק אלטע, גיי איך שוין פון ענק גארנישט האבן, ענק האבן מיך גוט אויסגעשפילט, און נאך אלט געווארן אויכעט, וואס גיי איך האב פון ענק? כאטש באשטראפן! די יונגע, גיי איך כאטש האבן פון זיי עפעס, אויב איך וועל זיי יעצט באשטראפן, וועל איך פון זיי גארנישט האבן, איך וועל זיי אפשוואכן אין תפיסה, וועלן זיי נישט קענען דינען אין מיליטער, און זיי וועלן נישט האבן די כוחות. איך לאז זיי יעצט אהיימגיין, זיי האבן זיך אלע געמאלדן, זיי זענען אלע דא, זיי האבן די כוחות, מארגן וועלן זיי קומען אין די מיליטער מיט געזונטע פרישע ביינער, מיט שמחה!

אז א איד ווען ער איז נאך יונג, עס קומט ערב ראש חודש אלול, מען האט נאך די כוחות. דער רבוש"ע, ער ווארט פון יונגע מענטשן אן אנדערע מין תשובה, וויבאלד עס איז נאך דא אסאך אויפצוטון! מען קען נאך א סאך צו באקומען!

עס קומט א נייע יאר, בפרט ענק גייען ארויף אין ישיבה גדולה, איר ווייסט וואס דאס מיינט? מען שטעלט זיך אוועק דאס לעבן. יעצט איז די זמן ווען מען קען זיך אוועקשטעלן. ערב ראש חודש. דער רבוש"ע זאגט: קינדערלעך ענק האבן כוחות, ענק זענען נאך יונג, ענק קענען מיר אסאך געבן, איך קען נאך פון ענק אסאך האבן! דער רבוש"ע גייט ענק געבן גרויסע מתנות, ער וועט ענק העלפן, ער וועט ענק שטיין צו די האנט, ער וויל נאר זען ענקער תמימות, ענקער אמת'דיגע הארץ.

**יעדער אין זיין מדריגה איז דערהויבן**

ווי מען פארציילט, דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע, אמאל צופרי ביי שחרית, ווען ער האט געזאגט די ברכות, איז באקאנט, האט ער נישט געזאגט דעם 'שלא עשני גוי'. פארוואס האט ער נישט געזאגט 'שלא עשני גוי'? האט ער פארציילט, אז ווען ער איז אויפגעשטאנען צופרי, ווייסט דאך, אסאך מאל מען שטייט אויף צופרי, עס איז אזוי רעגנדיג, און מען שטייט אויף בכלל אזוי, אין אראפגעלאזטע מצב, עס מאכט זיך אזא טאג... און ער האט זיך אנגעפאנגן טראכטן, אים האט נישט געבאדערט, נישט די קאווע, אבער ער האט זיך אנגעקוקט: ווער בין איך? וואו שטיי איך מיט מיין עבודת ה'? וואו שטיי איך אין מיין תיקון אין מדריגות? דער הייליגער בארדיטשובער! אבער אזיווי ער האט געזען א גוי אינדרויסן, האט ער געטראכט: בעסער פונעם גוי בין איך דאך! האט ער געמאכט דעם 'שלא עשני גוי', ממילא האט ער נישט געקענט ביים דאווענען מאכן דעם שלא עשני גוי.

אונזער ארבעט ווען מען וויל זיך מחזק זיין, איז נישט זיך מחזק זיין, דורך קוקן אין מדריגות. ווייל דער הייליגער בארדיטשובער ווען ער האט געזוכט מדריגות, איז ער געווארן צעבראכן. דער הייליגער בארדיטשובער האט זיך אנגעקוקט קעגן א גוי. וואס איז פשט דערפון? דער בארדיטשובער איז געווען אין א מדריגה העכער יעדן פשוטן מענטש אין בית מדרש, פארוואס האט זיך דער בארדיטשובער נישט מחזק געווען מיט דעם?! ניין! דאס איז בכלל נישט געווען פארן בארדיטשובער קיין ארטיקל! דער בארדיטשובער איז נישט ארומגעגאנגען אין בית מדרש מיט א הנאה: "אה, דער איד איז ארגער פון מיר!". ווייל עס איז נישט אמת! ווייסט פארוואס? ווייל א איד איז נישט געווען ארגער פון אים, ווייל יעדער איד אין זיין מדריגה איז ער חשוב ווי דער בארדיטשובער. די איינציגסטע זאך וואס דער הייליגער בארדיטשובער האט געקענט טרעפן, איז: "איך בין נישט קיין גוי! איך שטיי

העכער פון א גוי!". דאס אליין האט אים משמח געווען. אבער נישט, אז ער איז אין א גרעסערע מדירגה פון א צווייטן איד, ווייל וואס עפעס איז ער גרעסער ווי א צווייטן איד? יעדער איד לויט זיינע כוחות, יעדער איד לויט זיינע מוחות, איז א בארדיטשובער.

**אונז קען מיר נישט זיין וואס דער רבוש"ע וויל נישט**

עס איז דא א מורא'דיגע מעשה, וואס ווערט געברענגט פונעם הייליגן בעלזער רב, רבי **יהושע פון בעלז** זי"ע, וועל איך פארציילן א מעשה, די מעשה גייט אזוי. איינמאל האט ער געזען זיין טאטע, דער הייליגער **שר שלום פון בעלז** זי"ע, דער ערשטער בעלזער רב, איז ארויסגעגאנגן פונעם צימער, ער האט זיך אויפגעשטעלט און ארויסבאגלייט א פשוטען איד, און ער האט אים באגלייט ביז די גאס. איר ווייסט דאך, ווען מען קומט אריין צו א רבי? ער באגלייט א צווייטן גדול בישראל, אן ערליכער איד, עפעס א מנהיג ישראל. א פשוטער מענטש ארויסצובאגלייטן? צדיקים האבן דאס נישט געטון. און ער זעט ווי דער שר שלום... דער שר שלום איז דאך געווען א גדול בישראל, א רבן של ישראל... ער האט נישט געפרעגט קיין שום שאלה אויף דעם, ווייל ער, רבי יהושע בעלזער, האט נישט געפרעגט פונעם טאטען גארנישט. דער שר שלום האט אים געזאגט: "האסט געזען, האסט מיך גארנישט געפרעגט?! איך וויל דיר זאגן!". האט אים רבי יהושע בעלזער געזאגט: "עס איז מיר געווען א פלא, אבער איך פרעג נישט דעם טאטען קיין שאלות!".

דער שר שלום האט אים געזאגט, דו האסט געזען און דו פרעגסט נישט? האט ער אים געזאגט: איך האב יא געזען, איך האב מיך געוואונדערט, אבער פרעגן איז מיר נישט איינגעפאלן!...

הער צו אבער ווערטער, דאס איז א מורא'דיגע מעשה, א מוסר השכל פארן לעבן! דער שר שלום האט געזאגט די ווערטער, פאר זיין זון רבי יהושע פון בעלז: דער איד איז א תלמוד חכם עצום, הערט צו! ער איז בקי בכל התורה בעל פה! ער קען בבלי, ירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי, אלע מדרשים, ספרי הזוהר, ספרי אר"י, ער קען אלעס! ער וואלט געקענט זיין א רב אין די גרעסטע קהילה בישראל! זאגט דער שר שלום: נו, פארוואס טאקע איז ער נישט א רב אין די גרעסטע קהילה? **ווייל אז דער בורא כל עולמים וויל נישט, איז נישט!** אזוי האט געזאגט דער הייליגער שר שלום. און דו ווייסט וואס ער טוט יא? ער גייט ארום נאך געלט! ווייסט פארוואס? זאגט דער שר שלום, ווייל אזוי וויל דער אייבערשטער!

דער הייליגער בעלזער רב האט זיך געגעבן א שטעל אפ, און ער טראכט. און נאכדעם זאגט ער: מסכים, ער איז טאקע נישט א רב אין א גרויסע קהילה, אבער ער האט געקענט זיין א דיין אין א גרויסע קהילה. נו, פארוואס

איז ער טאקע נישט קיין דיין אין א גרויסע קהילה? האט ער נאכאמאל געזאגט: ווייל אז דער רבוש"ע וויל נישט, איז נישט! און נאכדעם זאגט דער שר שלום ווייטער: פיין, ער איז נישט קיין דיין אין א גרויסע קהילה, אבער ער האט דאך געקענט זיין א מלמד, א מגיד שיעור, א משגיח אין ישיבה. ווייסט פארוואס ער איז נישט? אז דער רבוש"ע וויל נישט, איז נישט!

רבי יהושע'לע בעלזער פארציילט די מעשה, האט ער צוגעלייגט צו דעם, האט ער געזאגט אזוי: דער שר שלום פון בעלז האט אויסגעהאלטן, 'יושבים' האט עס געהייסן אין בעלז, ארימע תלמידי חכמים וואס זענען געזעצן יומם ולילה ביי אים אין בית מדרש. זאגט ער, און פארן טאטען איז נישט איינגעפאלן צו נעמען דעם תלמוד חכם עצום, וואס קען זיין א רב אין די גרעסטע קהילה, און ער דארף נישט ארומגיין פון טיר צו טיר, אים זאגן, קום זעץ זיך ארייין ביי מיר, און זיין צווישן די יושבים, איך וועל דיך אויסהאלטן. דאס איז אויך נישט איינגעפאלן פארן שר שלום! זאגט רבי יהושע פון בעלז: ווייסט פארוואס? ווייל אויב פון הימל וויל מען נישט, איז נישט!

און דאס דארף א יעדער איד געדענקן, דאס דארף אונז מחזק זיין. אונז קען מיר נישט, אונז קען מיר בשום אופן נישט זיין, וואס דער רבוש"ע וויל נישט! אונז קען מיר נישט! אונז קען מיר אבער זיין, און אונז דארף מיר זיין, אונז זעמיר מחויב צו זיין, דאס וואס דער רבוש"ע וויל אונז זאל מיר זיין!

#### מען פרעגט נישט קיין קשיות אויף א טאטע...

איך האב מדייק געווען, מען זאגט, אז מען פרעגט נישט פון קיין טאטען א שאלה. וועל איך דיר פארציילן אן אינטערעסאנטע מעשה. ווען רבי מתתיהו סולומאן (שליט"א) [ז"ל], דער משגיח פון די לעיקוואדע ישיבה, האט ער אמאל אין מאנסי צאמגערופן די רבנים, דעמאלסט, ער האט דאך געארבעט וועגן טעכנאלאגיע, האט ער געוועזן דער גרויסער טוער, ער האט אריינגעברענגט סקולענער רבי און אנדערע רבי'ס, האט ער געמאכט אן אסיפה אין מאנסי. האט ער דארט פארציילט, אז א מלמד איז אריינגעקומען צו אים, און ער פרעגט אים, אז א אינגל אין חדר האט געפרעגט א שאלה, און דער מלמד ווייסט נישט די תשובה. וואסערע שאלה? די קינד האט געפרעגט, אז עס שטייט אז יעקב אבינו האט געמאכט א זיידענע העמדל פאר יוסף, יעקב אבינו האט געגעבן פאר יוסף מער ווי אלע שבטים, און די שבטים האבן מקנא געווען. האט דער יונגל געפרעגט פון דער מלמד, פארוואס האט יעקב אבינו געטון אזא זאך, ער האט געמאכט איין קינד אנדערש ווי די אנדערע קינדער? אה, עס איז א גוטע קשיא! און דער מלמד האט נישט געוואוסט קיין תירוץ. האט ער געפרעגט פון רבי מתתיהו סולומאן וואס ער זאל ענטפערן פאר דעם קינד.

רבי מתתיהו האט זיך צעוויינט, און בשעת ער האט עס אונז דערציילט, האט ער זיך נאכאמאל צעוויינט, זאגנדיג: "אזויפיל יאר לערנט מען עס, און קיינער האט נישט געפרעגט אזא שאלה. ווייסט דען נישט א קינד, אז אויף א טאטע פרעגט מען נישט קיין שאלות?! און אזא דור לעב מיר אונז?! עס איז שוין דא א שאלה פאר א טאטע?!". רבי מתתיהו סולומאן האט זיך צעוויינט אז מען לעבט אין א מצב, אז מען פרעגט א שאלה אויף א טאטען.

און דא האב איך מדייק געווען, אז רבי יהושע פון בעלז האט נישט געפרעגט דעם טאטען.

היינט איז אויך אזוי... ניין? בחורים, איר פרעגט נישט אייער טאטע גארנישט!... וואס?... ווייסט פארוואס, אין'אמת אריין, מען טאר נישט אוועק מאכן, ח"ו, אונז זאג מיר פאר די טאטעס, אונז פרעג מיר בכלל נישט... אונז זאג מיר! אונז זעמיר אביסל... ח"ו, מען רעדט דאך נישט פון ענק חשובע בחורים, מען רעדט פון אזעלכע אמעריקאנע בחורים, נישט ח"ו ענק, סאטמערע בחורים... שוין, ווערט מען צוריקגיין צו דעם ענין...

אה, דאס וועסטו פרעגן: וויאזוי ווייסט מען? אה, דו ווייסט! יעדער ווייסט! מען דארף נאר וועלן וויסן, מען דארף באמת וועלן! אז ווען דו גייסט אריבער א צווייטן, אין די קאווע אין יענעמס האנט האט זיך אויסגעגאסן, האסטו אויך נישט באמערקט... נישט באמערקט! אזוי איז די טבע, וואס מען וויל נישט וויסן, באמערקט מען נישט... מען דארף וועלן וויסן ווער מען איז, מען דארף וועלן וויסן די כשרונות.

דער משגיח וועט קומען מארגן און פרעגן: "וואס ביסטו פארשלאפן פארטאגט?!". וועט ער זאגן: "איך בין נישט אזא בעל כשרון, איך דארף שלאפן שפעט, און אויפשטיין שפעט!"... ניין, איך האב נישט גערעדט פון די כשרונות. די כשרונות האבן אונז בכלל נישט, איך האב נישט עוסק געווען אין דעם, דאס איז א יצר הרע ביזנעס, עס האט נישט מיט אונז.

**די תירוץ 'איך בין נישט אין די מדריגה'...**

מיר רעדן פון כשרונות וואס א מענטש ווייסט וואס ער קען וואקסן, און דער אייבערשטער טיילט מתנות. א מענטש זאל קיינמאל אין לעבן נישט זאגן: "איך בין נישט אין די מדריגה!" - ווייל דו ווייסט נישט אין וועלכע מדריגה דו ביסט! דער אייבערשטער טיילט מתנות, מדריגות! וואס הייסט דו ביסט נישט אין די מדריגה?

איך הער אסאך מאל פון בחורים, פון אינגעלייט אויכעט, מען רעדט פון התמדה, מען רעדט פון אמונה, מען רעדט פון שמירת עינים... "איך בין נישט אין די מדריגה!"...

וואס מיינט די ווערטער? אין וועלכע מדריגה ביסטו יא? אין וועלכע

מדריגה? לאמיר הערן, ווער קען מיר מסביר זיין וואס מיינט א מדריגה?

איך האב נאך א ווארט וואס בחורים ניצן, וואס איך ווייס נאך נישט פשט, איך בין שוין געווען אפשר אין צוועלף-דרייצן ישיבות און געפרעגט, קיינער האט מיר נאכנישט געקענט ענטפערן... ווען א בחור זאגט: "איך האלט נישט אויס!", וואס מיינט "איך האלט נישט אויס!"?!

ווען א בחור זאגט מיר "איך האלט נישט אויס!", ווייסט וואס איך זאג אים? דאס וואס מען זאגט ערב ראש השנה "מותר לך מותר לך, דארפסט נישט אויסהאלטן, קענסט ווייטער לערנען!"... וואס הייסט איך האלט נישט אויס? וואס געשעט ווען מען האלט נישט אויס? איר האט אמאל געזען איינער שטייט און ער האלט נישט אויס, און מען רופט הצלה?!... צו מיר האט מען שוין גערופן עטליכע מאל הצלה, איך האב נישט געוואוסט דערפון פאראויס, עס זעט אויס הצלה איז נישט קיין 'בעל שם איד', עס ארבעט ווי שכחה, עס געשעט פלוצלונג... וואס הייסט דו האלטס נישט אויס?

עס איז א יצר הרע!

איך בין נישט אין די מדריגה... איך האלט נישט אויס... עס איז דא די אלע ווערטער וואס מען ניצט ווען דער יצר הרע וויל באכענען א מענטש, ניצט ער ווערטער וואס האבן נישט קיין הענט און קיין פיס. די ווערטער 'איך בין נישט אין די מדריגה' האבן נישט קיין פירוש לא מיניה ולא מקצתיה, און די ווערטער 'איך האלט נישט אויס' איז נישט קיין ווערטער, עס איז נישט דא אזעלכע ווערטער! ווייל אז א מענטש האלט נישט אויס, זאגט ער עס שוין נישט, און ווילאנג דו קענסט עס נאך זאגן, האלטסו דאך יא אויס!

דער חזון איש האט דערציילט, אז ביי זיי אין די ישיבה, ווען האט מען זיך געלייגט שלאפן? ווען מען האט שוין נישט אויסגעהאלטן... אבער טאמער מען האט געטראפן א קישן אונטער א בחור'ס קאפ, האט מען געוואוסט אז ער האט זיך געלייגט איין רגע, ווען ער האט נאך געקענט אויסהאלטן. מען האט אים שוין אנגע'מוסר'ט, ווייל ווי האסטו געקענט לייגן א קישן? אלא מאי, האסט נאך יא אויסגעהאלטן! ווייל אז מען האלט נישט אויס, איז די קישן אויך נישט דא, מען שלאפט! א איד דארף וויסן: ער איז אין די מדריגה!

###### אין אלול איז מאיר די י"ג מידות הרחמים

'אלול' איז דאך ראשי-תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י. וואס שטייט ווייטער אין פסוק ביי 'אני לדודי ודודי לי'? אני לדודי ודודי לי הרועה בשושנים! שטעלט זיך דער הייליגער בעל התניא זי"ע, ווי קומט אריין 'שושנים' אין 'אני לדודי ודודי לי', וואס מען רעדט פון אלול? אויף דעם זאגט ער: א רויז 'שושנים', האט דרייצן בלעטער, א רויז האט י"ג עלים, עס זענען דא דרייצן שיינע רויטע בלעטער, זאגט ער: 'אני

לדודי ודודי לי', דאס איז אלול, אבער דאס גייט מיט די י"ג מידות של רחמים. דער רבוש"ע נעמט אונז אויף מיט די מידות הרחמנות.

פונקט אזויווי דער רבוש"ע נעמט אונז אויף מיט מידות הרחמנות, און ער פאדערט נישט פון א מענטש מער ווי זיינע כוחות, 'אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו', דארפן מיר אויך צוגיין מיט מידות הרחמים.

#### אבער מיר דארפן טון אלעס כפי כוחותינו

די וועלט האט אן אויסדרוק: 'ער איז א גוטער און מען ניצט אים אויס'... כביכול, עס איז נאר א בחינה, עס איז באמת נישט שייך צי רעדן אזוי כלפי דעם אייבערשטן, אבער לשבר את האוזן, דארף מען זיך היטן - דער רבוש"ע איז טאקע דא אין חודש אלול מיט מידת הרחמים, מיט די י"ג מידת הרחמים, אבער אויף אונז ליגט די פליכט צו טון מיט אלע אונזערע כוחות, און דאך וויסן אז דער רבוש"ע נעמט אונז אויף מיט מידת הרחמים, אבער אונז דארף מיר רייסן פון זיך שטיקער, אבער אויך מיט רחמנות.

#### אלול איז א צייט פון נסיון

אמאל זענען סוחרים אנגעקומען אין חודש אלול קיין בארדיטשוב, אבער זיי זענען נישט געקומען צום בארדיטשובער, זיי זענען געקומען מאכן ביזנעס אין בארדיטשוב. אבער למעשה, עס איז זיי נישט געגאנגען די געשעפטן, זיי האבן פראבירט צו פארקויפן זייערע סחורה, עס איז זיי נישט געגאנגען.

זענען זיי אריינגעקומען צום הייליגן בארדיטשובער זי"ע, זיי האבן געזאגט פארן בארדיטשובער, מען דארף שוין באלד אהיימפארן און מען האט נישט געמאכט קיין געלט, און זיי זענען בעלי חובות, און מען וועט נישט האבן קיין געלט איינצוקויפן אויף יום טוב, מען דארף רעגעסטרירן די קינדער, עס איז דאך אלול... און וויאזוי וועט מען אנגיין?

האט דער הייליגער בארדיטשובער געזאגט, די ווערטער: עס איז אלול, אלול איז א זמן פון נסיונות, ענק האבן יעצט א נסיון אויף אמונה און בטחון אינעם אייבערשטן. גייט אריין אין בית מדרש, יעדער איינער, איינער זאל נעמען א משניות, איינער זאל נעמען א תהלים, איינער א גמרא, יעדער לויט זיין מדריגה, ווייזט פארן אייבערשטן אז דו האסט אנערקענט אז עס איז אלול, טו עפעס! אלול שטייט דאך, און איר זענט פארנומען מיט די גשמיות'דיגע וועלט?! אין הימל זעט מען נישט אלול! אין הימל פרואווט מען דיך! וועסט אריינגיין אין בית מדרש, וועסט ווייזן עס איז אלול, וועסטו מצליח זיין אין דיינע געשעפטן!

יעדער איינער איז אריין אין בית מדרש. דער האט געזאגט תהלים, דער האט געלערנט משניות, דער האט

געלערנט עין יעקב, דער האט געלערנט גמרא, און זיי האבן תשובה געטון, זיך מתקרב געווען להקב"ה.

ווען זיי זענען ארויסגעגאנגן פון בית מדרש, איז שוין די יריד געווען כמעט פערטיג. און דעמאלסט האבן זיי פארקויפט אלע זייערע סחורה, זיי זענען געווארן עשירים אדירים.

##### די טעם פארוואס מען מאכט בין הזמנים אלול-תשרי

וואס איז די מוסר השכל פון אזא מעשה? דער רבוש"ע פרואווט אונז אויס אין חודש אלול און תשרי, עס איז דאך נסיונות'דיגע חדשים. ביי אונז חסידים האט מען נאך צוגעלייגט בין הזמנים אויך, פונקט אין אלול-תשרי...

טראכסט פארוואס?

ווען מיר זאלן זיין אין ישיבה, וואלט דער יצר הרע ממילא געזען מען זאל נישט קענען לערנען. אזוי געבט מען אביסל פאר דער יצר הרע, כאילו עס איז בין הזמנים, בארואיגט ער זיך, און אזוי לאזט ער אונז אריינלייגן גרויסע כוחות, זיך צו קענען גרייטן אויף די הייליגע טעג.

עס שטייט אין ספר הק' מאור ושמש און אין אנדערע ספרים די טעם פארוואס מען פארשטעלט זיך פורים, ווייל עס איז אזא גרויסער זמן וואס מען קען פועל'ן אזויפיל זאכן, און צוקומען צו אזעלכע מדריגות, דער יצר הרע לאזט נישט, פארשטעלט מען זיך, און מען מאכט זיך אנגעטרינקן, אז דער יצר הרע זאל זאגן "שוין, מיט אזעלכע אידן... לאז זיי... עס איז גוט, עס איז גוט...", קען מען אריינכאפן און זיך דערהייבן אויף מדריגות.

דער הייליגער צאנזער רב זצוק"ל האט געזאגט, אז ווען א איד גייט נאך געלט, קומט ער צי צו אזא מדריגה פון כפרת עוונות, זאל ער אראפנעמען אביסעלע געלט און קויפן א קאווע מיט לקח, א ציגארעטל, אז דער יצר הרע זאל זאגן "ער גייט נאך צדקה, נאך א גנב אויכעט? זאל ער גיין, זאל ער גיין...".

דאס איז אויך די טעם פארוואס יום כיפור ביי מנחה דאווענט מען שנעל, פארוואס דאווענט מען יום כיפור מנחה שנעל? ביי מנחה שטייט דאך 'ואני תפילתי לך ה' עת רצון', אליהו בהר הכרמל איז געענטפערט געווארן בזמן מנחה? עס איז א גרויסע תפילה, פארוואס דאווענט שנעל אזא גרויסע תפילה? נאר וויבאלד מען דארף זאגן נעילה, דער יצר הרע פארלייגט זיך מיט גרויסע כוחות אז מען זאל נישט קענען דאווענען נעילה. אבער ווען ער זעט, נאך אזא מוסף מאכן זיי אזא מנחה, שוין, עס איז גוט, זאלן זיי זאגן נעילה... גייט די סטרא אחרא און די מקטריגים אוועק, און אזוי קען מען אריינלייגן גרויסע כוחות אין נעילה.

די זעלבע זאך טוען מיר מיט דער יצר הרע בין הזמנים. ער וואלט זיך פארלייגט ווען אונז האבן געהאט

ישיבה אין חודש אלול-תשרי, אבער ווען ער זעט מען גייט בין הזמנים, זאגט ער: אה, פונקט ווען עס קומט די הייליגע טעג, מאכט מען בין הזמנים?...

ממילא זאלט איר וויסן: בין הזמנים האט איר נישט די יצר הרע וואס איר האט יעצט. בין הזמנים קענסטו לערנען א גאנצן טאג, און דאווענען, און צוקומען צו אסאך מדריגות, וואס דו קענסט נישט זוכה זיין אין די ישיבה. ווייל דער יצר הרע לאזט.

עס איז א שאד נישט אריינצוכאפן. טויש איבער דיין פלאן אויף בין הזמנים, עס לוינט זיך. דארט וועסטו באקומען דיין מתנה פונעם אייבערשטן אויף תשובה מאהבה, אויף מדריגות וואס דו האסט נישט. בין הזמנים קענסטו באקומען.

#### אלול איז 'צי-צי'

רבי אורי סטרעליסקער זצ"ל האט געהאט א גבאי, ער איז געווען אן עם הארץ. האט אים אמאל - אין חודש אלול - רבי אורי סטרעליסקער געפרעגט: וואס איז די נאמען פון דעם חודש אויף אידיש? האט ער געזאגט 'צו צו'. פארוואס? ווייל אלול איז 'אלאל' (אזא טעות האט ער געהאט מיט זיין עמי-הארצות) וויאזוי זאגט מען אויף אידיש 'אל'? 'ויקרא אל משה' - 'צו משה'! 'אל-אל' איז 'צו צו'... אזוי האט ער געענטפערט.

האט רבי אורי סטרעליסקער געזאגט: עס שטימט. ער האט עס געזאגט מיט אן עם הארצות, מיט א מילתא דבדותיתא, האט רבי אורי סטרעליסקער געזאגט, דאס איז די 'אני לדודי ודודי לי', עס איז 'משכני ארחיך נריצה', אונז בעט מיר דעם אייבערשטן 'צי', צי אונז צו דיר, און דער אייבערשטער בעט ביי אונז: צי צוריק צו מיר. דאס איז אלול. אלול איז 'צי צי', מען ציט זיך צום אייבערשטן, מען ציט זיך צו קדושה וטהרה, מען ציט זיך צו עבודת ה', 'צי צי' - דאס איז די חודש אלול.

#### די סימן פון א צמאון

עס איז געווען אן אלטער גור'ער חסיד פון דער אלטער היים, רבי **גד'ל אייזנער** ז"ל האט ער געהייסן, ער איז געווען ראש ישיבה יארן צוריק אין די גור'ער ישיבה, עס איז דא אסאך חסידישע פשיסחא-קוצקע מאמרים פון אים. האט ער געזאגט א מאמר, א הפלא'דיגע ווארט אויף חודש אלול. עס מאכט זיך אמאל, אז מען געבט פאר א מענטש א בעכער אנגעפילט מיט וויין צו ברוינפן צו טרינקן, אבער דאס איז זייער א טייערער רייכער בעכער, הערליך אויסגעשניצט. איז דא צוויי מענטשן וויאזוי זיי נעמען עס. עס איז דא איינער וואס ער באטראכט פון אלע זייטן די בעכער, ער פארגעסט פון די וויין, און ער געבט עס אזא דריי איבער. "אוי! עס האט זיך אויסגעגאסן די וויין!", ווייל ער איז געווען אזוי פארנומען צו קוקן די שיינקייט. עס איז

דא א צווייטער, וואס ער זעט די וויין, ער זעט וויפיל וויין עס איז דא, ער מאכט א בורא פרי הגפן און ער געבט עס א טרינק אויס. פרעגט ער: וואס איז די נפקא מינא צווישן די צוויי מענטשן? האט ער געזאגט, זייער פשוט! ווי דורשטריק מען איז! אויב מען איז זייער דארשטריק צו טרינקן, קוקט מען נישט וויאזוי עס קוקט אויס פונדרויסן, מען קוקט וואס עס איז אינעווענדיג, און ב"ה מען קען טרינקן, מען מאכט א ברכה און מען טרינקט אויס. אויב א מענטש האלט א בעכער וויין, און ער באטראכט די בעכער, ער קוקט די חיצוני'שע זאכן, און ער קוקט די שיינקייט. וואס איז דאס א סימן? דאס איז א סימן אז ער איז נישט דורשטריק, און אז מען איז נישט דורשטריק, קען מען אויסגיסן די וויין, און קוקן די דרויסן. אונזער עבודת הקודש איז, צו זיין דורשטריק, צו זיין הונגעריג, צו עבודת ה'.

לערנען ווי א איד קען נישט קיין גוי

איך וויל דיר פארציילן א הפלא'דיגע מעשה... רבי **נתן נטע מאקאוואר** זצ"ל האט פארציילט אזוי. נאכן קריג, ווען ער איז ארויסגעקומען פונעם קריג. (אין זיין ספר האט ער דארט אין די הקדמה זייער שיינע זאכן...) איז ער אנגעקומען אויף פרעשבורג ערב שבת. ער איז אנגעקומען מיט **הרב מענדלאוויטש** ז"ל די **פיקפיק-לאדיינער** רב. דעמאלסט האבן די רוסן ארויסגעשטויסן די דייטשן, די רוסן האבן דעמאלסט געוועלטיגט אויף פרעשבורג. עס איז געווען ערב שבת, שוין לאנג נישט געווען קיין שבת, שוין לאנג נישט געווען קיין דאווענען, עס איז געווען נאכן קריג.

דעמאלסט איז געווען די געזעץ, אז טאמער איינער האט נישט געהאט די שריפטן ביי זיך אין טאש, און מען האט אים געכאפט, עס איז געווען א סכנה, מען האט אים געשיקט אויף סיביר, אדער איך ווייס נישט וואס... מען האט געמוזט האבן שריפטן. ער האט געטראכט ביי זיך: "פארדעם האב איך זיך מוסר נפש געווען? אנגעקומען אין א אידישע שטאט, צו בלייבן אינדערהיים?! ניין, ער מוז אריבערגיין צום דאווענען! פאר דעם האב איך זיך מוסר נפש געווען, צו טראגן שבת?! ער וויל נישט טראגן שבת! ער גייט זיך מוסר נפש זיין!!!

נו, ער האט זיך מוסר נפש געווען. און וואס טוט דער רבוש"ע ווען א איד איז זיך מוסר נפש? ער טראגט אים אויף א גאלדענעם טאץ... הא?!... מאכט ער אים נסיונות! נו, די רוסן האבן אים געכאפט, וואו די שריפטן?! האט ער זיך אנגעפאנגן פארענטפערן: ער האט עס אינדערהיים... עס איז שבת... איך בין קוים ארויס פון קריג... די רוסן האבן נישט געוואלט הערן פון גארנישט, ביסט א שפיאן פון די דייטשן! אין תפיסה אריין! נעבעך, מען האט זיי געלייגט אין תפיסה.

למעשה, זיי זענען געזעצן אין תפיסה, דארט אין תפיסה איז דאך געווען זייער שווער מיט די גוים, מיט אלעם. שבת צופרי האבן די גוים דארטן, די רוסקיס, זיך אנגעטרינקן מיט וואדקע, מיט ברוינפן, און זיי האבן געוואלט איינער זאל אויפרוימען די שמוץ. האבן זיי גענומען די צוויי רבנים, און זיי מכבד געווען, זיי זאלן אויפקערן זייער שמוץ. נו, א רב קערט אויף שמוץ ווי א רב... ווייסט דאך, מען הייבט אויף יעדעס פלעשל... זיי זענען נישט געווען צוגעוואוינט צו קערן די ערד.

די רוסישע שומרים האבן געכאפט א שטיקל התפעלות, איין מינוט! דאס איז נישט קיין פשוטע מענטשן, עס איז נישט, עס איז נישט!... ער גייט צי צו זיי, און ער זאגט זיי: לאמיר ענק עפעס זאגן. איך זע ענק זענען העכערע מענטשן, אבער איך קען אייך נישט באפרייען, ווייל אפשר זענט איר שפיאנען. ווייזט מיר אויף אז איר זענט אידן, ארויס פונעם לאגער, וועל איך אייך באפרייען! האבן זיי אנגעפאנגען זאגן א הלכה אין שו"ע, און א רמב"ם, און א פסוק חומש. האט ער זיי געזאגט: די דייטשע שפיאנען קענען חומש, קענען משניות, קענען רמב"ם, זיי קענען אלעס, זיי האבן פראבירט אים איבערצוצייגן אויף איין אופן, און מיט נאך אן אופן, עס איז נישט געגאנגען. זיי האבן פראבירט אהער פראבירט אהין, עס גייט נישט. אינמיטן האט ער געזאגט: ווייסט? איך האב א גוטע עצה! ער איז א איד - פארציילט ער, דער רוסישער סאלדאט - ער איז נעבעך אזוי שוואך, ווייל ער איז געווען פארכאפט אין די רוסישער מיליטער. עס איז דא איין זאך ביי די אידן, וואס די דייטשן, נישט נאר זיי ווייסן עס נישט, נאר זיי קענען עס נישט נאכמאכן! אויב ענק קענען דאס מאכן גוט, ווייס איך אז ענק זענען אידן!

וואס האט ער זיי געפרעגט? וויאזוי לערנט מען אין חדר די א-ב מיט די קינדער? און זיי האבן גענומען זאגן "קמץ אלף אָ" מיט די ניגון... די גאנצע ניגון, אבער אזוי פונקטליך, נישט אזיווי מען לערנט אין דייטשלאנד, נאר אזוי ווי מען לערנט ביי אונז, ווי אונזער מסורה, אבער פונקטליך, און די פיקטשערס, מיט די ניגון... און אזיווי זיי האבן דאס געזאגט, טרערן איז אים געגאנגען פון די אויגן. ענק זענען נישט קיין שפיאנען, די דייטשן קענען דאס נישט זאגן, און זיי ווייסן אפילו נישט פון דעם! זאגט ער. דאס איז א סימן פון א איד, אזוי האט ער געזאגט.

זענען זיי געגאנגען זיי האבן געוואלט אויפוועקן זיין פונק פון אידישקייט אויך, האבן זיי אים געזאגט, זיי האבן נאך איין זאך וואס די דייטשן קענען נישט נאכמאכן. און זיי האבן אים אנגעפאנגען זאגן א נשמת פון שבת צופרי, אזוי מיטן גאנצן פלאם, מיטן גאנצן פייער! און אזיווי זיי האבן געזאגט די נשמת, ער איז שוין געווען אינגאנצן אויפגעקאכט, און ער האט זיי באפרייט.

איר ווייסט וואס די מעשה רעדט צו אונז? איר ווייסט וואס די מעשה זאגט פאר אונז? צו לערנען א בלאט גמרא, קען א גוי אויך. אבער וויאזוי א איד לערנט, די ניגון וויאזוי א איד לערנט, די הארץ וויאזוי א איד לייגט אריין, די א-ב קינדער, די תמימות, דאס קען א גוי נישט נאכמאכן!!!

#### אידישקייט איז א כאראקטער

איך וועל דיך פארציילן אן אינטערעסאנטע מעשה. עס איז אריינגעקומען צו מיר איין טאג א שחור, א שווארצער, מיט דריי שחורים, ער וויל זיך מגייר זיין! עס איז מיר 'שווארץ' געווארן... ער וויל זיך מגייר זיין?! ער וויל... זאג איך אים: נע, עס איז גוט, בלייב א גוי, געזונטערהייט! ניין, ער וויל זיך מגייר זיין! פרעג איך אים: פארוואס ווילסטו זיך מגייר זיין? זאגט ער: ער וויל זיין נאנט צו דער אייבערשטער! זאג איך אים: זיי נאנט צו דער אייבערשטער! קיינער שטערט דיר נישט! זאגט ער: ניין, בשום אופן נישט! אויב דו ווילסט געבן א שמייכל, וועסטו הנאה האבן... איך האב אים געפרעגט: וואו ביסטו צוגעקומען צו וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט? האט ער געזאגט: אויף די אינטערנעט, אויף די כלי! פרעג איך אים: וואס האסטו געטראפן דארט? זאגט ער: ספרי ברסלב! עס איז אים געפאלן, די באשעפער וויל ער דינען! א שווארצער!... האב איך אים געזאגט: דו קענסט ווייטער לערנען ספרי ברסלב און בלייבן א שווארצער גוי! זאגט ער: ניין! ער וויל ווערן א איד! אן אינטערעסאנטער מעשה...

בקיצור המעשה, האב איך אים געזאגט: הער זיך איין, פאר דו ווילסט ווערן א איד, דארף איך פון דיר צוויי זאכן, איינס, דא אין מאנסי איז דא די וויזשניצע שטיבלעך, וואו מען דאווענט דארט מנחה מעריב, אסאך שטיבלעך, עס קומט דארטן די גאנצע שטאט, מען גייט, מען קומט, מנינים, עס איז זייער געשטיפט, אנגעלייגט... איך וויל זאלסט זיך דארט דרייען ביי מנחה מעריב, און נאכדעם זאלסטו צוריקקומען צו מיר. נאכדעם וויל איך זאלסט גיין צו די לעיקוואדע ישיבה. צווישן עלף און צוועלף פארמיטאג זאלסטו גיין צו די לעיקוואדע ישיבה, דארט זיצן צווישן פינף און צען טויזענט בחורים און אינגעלייט, מען לערנט, איך וויל זאלסט דארט גיין.

ער איז געגאנגען אויף וויזשניץ, ער איז געגאנגען אויף לעיקוואד. א טאג צוויי שפעטער קומט ער צוריק, זאגט ער מיר, ער מיינט עס איז נישט פאר אים דאס אידישקייט, עס איז גוט אזוי!... פרעג איך אים: וואס גייט פאר? זאגט ער מיר: ער קומט אריין, מענטשן לויפן, די וויזשניצע מיט די ליטווישע ווילן כאפן די שקיעה, דער וויל כאפן פופציג, און דער וויל כאפן זעכציג, יא, מען לויפט מען דארף כאפן מנחה, עס איז דא אלץ אידן וואס איין מינוט פאר די לעצטע מינוט פלאס, קומען זיי אן צום דאווענען... זאגט ער: מען גיבט זיך

א וואש די הענט, און מען שפריצט זיך אן איינער דעם צווייטן... זאגט ער: דו ווייסט וויפיל 'באכעס' איך האב געכאפט ביי מנחה מעריב?! קיינער זאגט נישט אנטשולדיגט... עה, - זאגט ער - עס איז נישט פאר אים!

אבער דאס איז נאך א האלבע צרה - זאגט ער - אין לעיקוואדע בית מדרש איז געווען א 'מלחמה זאון'... דו האסט געדארפט דאס זען! מען שרייט, מען שטעלט זיך אויף, מען האקט אויפן טיש, (מען איז זיך מפלפל אין לערנען) זאגט ער: ממש א מלחמה זאון... מען קען נישט לערנען תורה נארמאל? מען קען נישט?...

ניין! - זאג איך אים - אידישקייט איז א מין מהות, עס איז א מין כאראקטער, אזוי זעט עס אויס! ער בלייבט א גוי, ער גייט לערנען ברסלב ווייטער אזוי...

דאס איז א מעשה שהיה. אבער דו פארשטייסט? אידישקייט איז א מהות, עס איז א כאראקטער! דאס טרייבט אוועק דעם יצר הרע, דאס טרייבט אוועק די שחורים, די מלאכי חבלה! אונזער מהות, אונזער כאראקטער, אונזער וועג פון לערנען, אונזער וועג פון דאווענען, אונזער נשמת, אונזער זאגן די ניגון פון תורה, אונז האבן א מלחמה זאון! איך האב אזא הנאה געהאט פון די ווארט, עס איז מיר אריין אין די ביינער, איך האב עס שוין אסאך איבערגעזאגט. יא, בחורים און אינגעלייט זיצן און לערנען, איז עס א מלחמה זאון! א מלחמת ה' בעמלק! דאס איז תורה! מען שרייט! וואס שרייט מען? דער גוי פרעגט "וואס שרייט מען? מען קען נישט רעדן שיין בשעת מען טענה'ט זיך אין א תוספות?!"... ניין! מען קען נישט! ווייל אונז זענען אין א מלחמה מיטן יצר הרע, מיר קענען נישט!!!

**דער באשעפער געפינט זיך מיט יעדער איד**

דער הייליגער רבי שמשון פון אסטראפאלי זצוק"ל, ברענגט אן אינטעראנטער מדרש אויפן פסוק 'עמו אנכי בצרה': 'אל תקרא בצרה אלא בצירי'. וואס הייסט עמו אנכי בצירי? אויף דעם זאגט ער א מורא'דיגע זאך: אונז האבן דריי ווערטער וואס הייבט זיך אן מיט א 'יוד', די שם הוי"ה, ישראל און ירושלים, דאס איז א סגול, דאס איז אן עם סגולה, דריי יו"דן. ווען די בית המקדש איז חרוב געווארן, איז מער נישט דא דריי, עס איז נאר דא צוויי יו"דן, ווערן אידן צעבראכן. זאגט דער אייבערשטער: 'עמו אנכי בצירי' מיר זענען נאך געבליבן, די שם הוי"ה מיט ישראל איז נאך געבליבן, עמו אנכי, איך בין דא מיט דיר, דער הייליגער באשעפער זאגט, עמו אנכי בצירי, דער הייליגער באשעפער איז דא מיט יעדע איד, יעדער איד וואס ער וויל דינען דעם אייבערשטן.

יעדער איד וואס ער וויל וואקסן, וואס ער וויל לערנען תורה, ער האט עס! דער אייבערשטער איז מיט אים,

דער אייבערשטער איז דא, און דער אייבערשטער באגלייט אים. אונז דארף מיר גלייבן אין דעם, אונז דארף מיר מתפלל זיין אויף דעם, און אונז דארף מיר הארעווען אויף דעם, אבער דאס קען מען נאר טון בשמחה.

### תשובה - נאר מתוך שמחה

דער הייליגער קאסובער שרייבט אין אהבת שלום: 'אין ועתה אלא תשובה', אבער תשובה קען מען נישט טון נאר מתוך שמחה. ווי שטייט דאס? אין די תוכחה! תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה, מען קען נישט תשובה טון נאר בשמחה.

### עצבות איז א מום

איך וויל ענק איבערזאגן א תיקוני זוהר, אפשר ווייסט איר עס, אבער עס איז הפלא'דיגע תיקוני זוהר. אין תיקוני זוהר שטייט, ווען מען איז ארויפגעגאנגן עולה רגל זיין, האט מען געברענגט קרבנות. א קרבן האט געקענט זיין א בעל מום? ניין! די כהנים האבן געקענט זיין בעלי מומים? ניין! א ישראל האט געמעגט זיין א בעל מום, ווען מען איז ארויפגעקומען עולה רגל זיין? ער האט געמעגט זיין א בעל מום.

אין זוהר הקדוש שטייט, ער האט נישט געטארט זיין א בעל מום! וועלכע מום האט ער נישט געטארט האבן? עצבות! אזוי זאגט דער תיקוני זוהר, קוק עס נאך אין תיקוני זוהר דף נח. מען גייט דאך יעצט זאגן תיקוני זוהר אין אלול...

עצבות איז א מום. דער תיקוני זוהר שרייבט, אז עס שטייט אין פסוק 'כל איש אשר בו מום לא יקרב', מיינט עס עצבות. אויב א מענטש איז צעבראכן, אויב ער איז בעצבות, ער איז נישט בשמחה, האט ער נישט וואס צי קומען עולה רגל זיין, ער האט א מום. די כהנים האבן געהאט מומים אינעם גוף, די בהמות האבן געהאט מומים אין די גוף, און ביי די ישראלים איז עצבות א מום, ביי די כהנים און לויים אויך. אויב עס איז דא עצבות דאס איז א מום, דאס איז א פעלער.

עבדו את השם בשמחה. האסט אמאל געטראכט, וואס איז די 'את', עס וואלט געווען גענוג אויב עס שטייט: 'עבדו ה' בשמחה' וואס דארף שטיין 'את השם'? זאגט דער קאזמירער: 'את' איז 'אלף תיו', זאלסט דינען דעם אייבערטשן בשמחה פון אלף ביז תיו! דאס מיינט אויף יעדע מצב אין די וועלט וואס דו ביסט, נישט מיט קיין תנאי, נאר אויב עס גייט מיר אלעס פונקטליך וויאזוי איך וויל, נישט מיט קיין תנאי אויב איך האב די מדריגות.

### קנאה איז א שטער פאר תשובה

קנאה שנאה תאווה כבוד מוצאים את האדם מן העולם. ווען דעם אויב א מענטש וויל תשובה טון, תשובה טון מיינט, ווען א מענטש זאגט פארן אייבערשטן, דאס בין איך, און איך גיי מיך נעמען תשובה טון, און איך גיי מיך נעמען לערנען, דאווענען.

די קנאה וואס מענטשן האבן איינעם פונעם צווייטן, לאזט נישט לערנען און דאווענען, עס ברענגט יאוש. קנאה ברענגט יאוש, עס איז א מציאות!

דער הייליגער רוזינער זי"ע האט געזאגט: עס שטייט אין פסוק 'ויאמר ה' סלחתי כדבריך', די ראשי תיבות איז דיווארט 'כוס', דאס קומט מרמז צי זיין, אז ווען אידן טרינקן לחיים צוזאמען, זאגט דער אייבערשטער: סלחתי כדבריך.

שטימט דאך אבער נישט? ווייל עס שטייט ויאמר ה' סלחתי כדבריך, וואס איז די תשובה אויף דעם? אויף דעם האט ער געענטפערט: אז ווען אידישע קינדער זיצן צוזאמען און טרינקן לחיים, אין די סידורים שטייט די שם מיט צוויי יו"דן, ווען אידישע קינדער זיצן צוזאמען באחדות - ויאמר סלחתי כדבריך, זאגט דער אייבערשטער סלחתי.

#### אחדות מיינט מען לעבט נישט אין קנאה

וואס הייסט מען זיצט באחדות? קענטס מסביר זיין וואס מיינט 'מען זיצט באחדות'? גרויסע בחורים שטויסן זיך נאך? עס איז גוט געווען אין חדר... וואס הייסט באחדות? יעדער איינער פארשטייט, אחדות מיינט מען שלאגט זיך נישט, מען טשעפעט נישט... איך וועל דיך זאגן א נייע פשט וואס האסט נישט געטראכט פארדעם, דאס מיינט, זאלסט נישט מקנא זיין, זאלסט נישט לעבן אין קנאה! ווייל אז מען לעבט אין קנאה, קען מען נישט ליב האבן א צווייטע איד, מען פארגינט אים נישט. דו ווייסט... ווען ער מאכט א טעות ביים דאווענען, ביסטו די ערשטער וואס איז אים מעורר...

רבי שלום שווודראן זצ"ל האט אמאל פארציילט א גוטע מעשה. ער איז דאך געווען א כהן, שלום הכהן, ער איז געווען א בן אחר בן פונעם מהרש"ם, פארציילט ער: ער איז אמאל געקומען אין א בית מדרש, מען האט אים גערופן דארט שבת געבן א דרשה [ביי די ליטווישע געבט מען א דרשה פארן ליינען], מען האט אים גערופן אין א בית מדרש געבן א שיעור פארן לייענען. שוין, ער האט געזאגט א שיינע דרשה, די עולם האט זיך באדאנקט מען האט הנאה געהאט, ער איז געווען א מגיד נפלא, איך געדענק אים נאך. ער האט פארשטאנען, וועלכע עליה גייט ער באקומען, מען האט אראפגעשלעפט א חשובע איד א בעל דרשן? - כהן. מען האט אים נישט געגעבן כהן. וואס איז געווען די נעקסטע שאנס? אחרון. מען האט אים נישט געגעבן אחרון אויך נישט. נאך איינס האט ער געהאט - מפטיר. מען האט אים אויך נישט אויסגערופן מפטיר. און פאר גוט יאר דער וואס האט עולה געווען מפטיר, האט אויך באקומען מוסף, מען האט אים ניטאמאל געגעבן מוסף פארן עמוד. ער האט שוין געפילט ווי די וועלט עקט זיך...

עס איז געווען שבת ראש חודש - זאגט ער - און דער בעל תפילה אנשטאט זאגן 'אתה יצרת', האט אנגעהויבן זאגן געהעריג די געוועגדליכע מוסף לשבת 'תכנת שבת'. ווער איז געווען דער ערשטער פון גאנצן בית מדרש וואס האט באמערקט אז דער בעל תפילה זאגט נישט אתה יצרת?! איך בין עס געווען!! איך בין געווען אזוי אויפגערעגט, און אזוי באליידיגט, און אזא קנאה, אז איך בין געווען דער ערשטער וואס האט עס באמערקט!... אזוי האט ער אמאל געזאגט אין א דרשה.

**אויסרייסן קנאה איז דורך שמחה**

אחדות מיינט: מען זאל נישט לעבן אין קנאה! וויאזוי איז מעגליך נישט צו לעבן אין קנאה? יענער איז דאך דער ראש המדברים? יענער איז אייביג דער בעסטער קענער?!... מען דארף לעבן מיט שמחה! א מענטש דארף אנערקענען מיין פלאץ. דאס איז אונזער נסיון, עס איז מסתמא פון די גרעסטע נסיונות אין די יונגערע יארן, אין די עלטערע יארן הייבט זיך עס אן מיט געלט און מיט כבוד, אבער דאס איז די נסיון. דאס איז די באדייט פון 'תשובה' אין אונזער דור.

**פון שמירת עינים שבדורינו האט דער רבוש"ע די זעלבע הנאה און עונג ווי די עבודה פון די פריערדיגע צדיקים!**

איך וויל דיר איבערזאגן א מורא'דיגעווארט. מיין שוואגער [הרה"ח ר' שמואל אהרן חנני' טענענבוים שליט"א] האט געדרוקט א ספר 'ימי מלך' [3 בענדער]. ברענגט ער דארטן א הפלא'דיגע רעיון וואס דער רבי ז"ל [רביה"ק מסאטמאר זי"ע] האט געזאגט, איך האב עס יעצט די ערשטע מאל געזען, און עס איז א הפלא'דיגע זאך.

אונזער דור, יעדער איינער ווייסט אז מען מוטשעט זיך, וואס איז די גרעסטע נסיון אין אונזער דור? - שמירת עינים! דער רבי האט שוין גערעדט דערפון, איך ווייס וויפיל יאר צוריק... זעט אויס, ער האט געוואוסט וואס קומט. האט ער געפרעגט א שאלה: וואס עפעס, מושטעט זיך די דור מיט שמירת עינים, מער ווי אלע פריערדיגע דורות?

הער א תשובה, א הפלא'דיגע תשובה, א הימל'דיגע תשובה... ווייל א בשר ודם קען נישט ענטפערן אויף דעם א תשובה, מען דארף זיין א בעל מדריגה... האט ער געענטפערט: אמאליגע צייטן איז געווען צדיקים בעלי מדריגה, דער רבוש"ע האט געהאט א הנאה, א תענוג, אן עונג, פון די עבודת הקודש פון די פריערדיגע צדיקים. מיר לעבן היינט אין א דור, וואס עס איז נישט דא די צדיקים. וואס גייט געבן פארן רבוש"ע א נחת רוח, וואס זאל זיין גלייך אויף גלייך צו די עבודה פון די פריערדיגע צדיקים? וועגן דעם האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די נסיון פון שמירת עינים, אז **ווען א איד שטארקט זיך, און ער היט זיך די אויגן, האט דער אייבערשטער א תענוג און א נחת רוח, אזויווי ער האט**

**געהאט א תענוג און א נחת רוח פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות**, אזוי ברענגט ער, ער שרייבט דארט די נאמען ווער עס האט עס נאכגעזאגט.

**דער רבוש"ע האט אונז געגעבן די נסיונות, נישט פאר דעם, ווייל מיר זענען א דור חלש.**

איך האב זייער ליב, ווען מען זאגט אז עס איז א שוואכע דור. ווען איך גיי אריין צו א חתונה ביי די צווייטע טאנץ, איר האט אמאל געזען וויאזוי די בחורים טאנצן היינט א צווייטע טאנץ?!... זיי לאזן נישט אויסלעשן די מוזיק... די אלטע אידן ווילן שוין גיין צו מצוה טאנץ, אין די בחורים, זיי ווילן נאך און נאך... ווען איך בין געווען א בחור האט מען נישט געטאנצן נישט קיין פערטל דערפון, און דאס איז שוין די דור חלש! וויאזוי האט אויסגעקוקט די דור חזק?!... וואס עפעס שוואך? מיט וואס איז מען שוואך? זאג מיר פונקטליך... דער רבי זאגט, עס איז גארנישט קיין דור חלש, אז אונז וועלן זיך שטארקן אויף אונזערע נסיונות, האט דער רבוש"ע א תענוג און א נחת רוח דערפון.

**נאכן התגברות ווערט מען באגלייט מיט א מלאך קדוש וואס העלפט אויף ווייטער**

נאכמער לייגט ער צי. ווען א מענטש האלט זיך, און ער איז נישט עובר אויף 'לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', ווערט באשאפן דערפון א מלאך קדוש פון די מצוה, און דאס געבט אים כח ווייטער צו גיין, און זיך צו שטארקן. אזויווי אונז האבן פריער געזאגט אז נאכן זיך שטארקן אליינס באקומט מען מדריגות פאר א מתנה. די ערשטע מאל דארפסטו אליינס, אז עס איז דיר געגאנגען, האסט זיך מתגבר געווען, יעצט וועסטו האבן א מלאך וואס וועט דיך באגלייטן (יש לציין לזה דברי המהרש"א [חידושי אגדות מסכת מכות דף י עמוד ב] שרביה"ק זי"ע מביא דבריו יותר מעשר פעמים בספריו הק' כמקור ליסוד זה, וזל"ק: בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו כו'. עיין בזה במפרשים ואענה גם אני חלקי דלא קאמר שמוליך אותו הקדוש ברוך הוא אלא מוליכין אותו והוא ע"פ מה שכתבנו בכמה מקומות שכל מחשבה ודיבור ומעשה האדם הנה הוא בורא לו מלאך לפי ענינו אם לטוב אם לרע וע"כ אמר בדרך שאדם רוצה לילך שהרשות בידי האדם ממנו ית' ב"ה שהכל בידי שמים חוץ מיראת שמים אבל כפי רצונו ודעתו של אדם מוליכין אותו אותן המלאכים הנבראים מאותו רצון ומחשבה אשר בו ומייתי ראיה מן התורה דכתיב לא תלך עמהם שא"ל הקדוש ברוך הוא כן וכתיב קום לך אתם וגו' שרצונו ודעתו הרעה לילך אתם הביא ששלח לו הקדוש ברוך הוא מלאך כרצונו ומחשבתו שא"ל קום לך אתם ואמר דכתיב אנכי ה' אלהיך מלמדך להועיל וגו' כי כל מצותיו ית' ב"ה אינו מלמדך רק להועיל ולטוב לך אבל מדריכך הוא מלאך שאתה מדריכו בדרך זו תלך כפי דעתך ורצונך ואמר דכתיב אם ללצים הוא יליץ וגו' ר"ל אם ללצים הוא מוסיף לו לץ דהיינו מלאך כפי

ליצנותך ואם לענוים הוא יתן חן לעצמו מלאך של חן נגדו ית' ב"ה).

**בעקבתא דמשיחא וועט מען זיך דראפענען אויף גראדע וועגט פאר אביסעלע אמונה**

אבער ער ברענגט אויך אן אינטערעסאנטער מעשה. ר' אברהם יעקב טייטלבוים, האט איבערגעזאגט א ווארט פונעם הייליגן רוזינער, און דער רבי זי"ע שרייבט עס אין 'על הגאולה' (אות פו). נאכדעם וואס די 'על הגאולה' איז געדרוקט געווארן, איז ער געקומען צום רבי'ן, זאגט ער פארן רבי'ן: דער רבי שרייבט נאך א ווארט פון מיר אין 'על הגאולה', און דער רבי זאגט עס נישט איבער אין מיין נאמען? דער רבי שרייבט 'שמעתי מפי תלמיד חכם מפורסם ואיש מהימן', פארוואס האט דער רבי נישט געשריבן מיין נאמען?

האט דער רבי געזאגט: איך האב דיר נישט געוואלט מצער זיין, מענטשן וואלטן געזאגט, 'אה ביסט א סאטמארער'... מען וואלט דיך נאכגעלאפן, מען וואלט דיך גע'רודפ'ט, איך האב נישט געוואלט מען זאל דיר ווייטון... איר הערט וואס טוט זיך?! דער רבי האט אים אפגעהיטן! פאר אים איז געווען א זכיה אויב דער רבי שרייבט עס אין זיין נאמען, אבער דער רבי בענוותנותיה האט געהאלטן, אז עס וואלט אים געווען א צער.

וואס איז געווען די ווארט וואס דער רבי ברענגט? דאס איז א ווארט פונעם ריזונער זי"ע, אז פאר משיח וועט קומען וועט מען זיך דראפענען אויף גראדע וועגט צוצוקומען צו אביסעלע אמונה, [דער רבי שרייבט נישט די לשון 'דראפענען אויף גראדע וועגט' דער רבי שרייבט 'תדעו דכמו שירד האש מן השמים לאליהו בהר הכרמל ולא ירד לנביאי הבעל, בעיקבתא דמשיחא יהיה ההיפך שירד אש מן השמים לנביאי הבעל ויהיו הנסיונות גדולים ועצומים קשים ומרים' אבער די וועלט זאגט עס מיט דעם לשון (וכן כתב הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע באגרות דברי אמונה עמ' קעח; ספר קול יעקב עמ' רעח בעדות איש מפי איש עד הרה"ק מרוזין זי"ע; שומר אמונים דף ע"ב)] אבער דער רבי האט צוגעלייגט די ווערטער 'איך זאג עס ענק, אז מען זאל וויסן צו זיין געווארנט'.

**יא! דאס איז אונזער נסיון.**

איך וויל דיר דערציילן א מעשה, מען רעדט פון תשובה טון. דער בעל שם טוב הק' זי"ע איז אמאל אנגעקומען אין א שטאט, עס איז געווען א חתונה, און אויפן וועג צום חופה, צי ביי די חופה, ווען ער איז געווען אויפן גאס, האט דער בעל שם טוב הק' געזען א פערד און וואגן פון א פשוטן איד. דער בעל שם טוב הק' גיבט א שטעל אפ, און ער גייט צי צו דעם איד, און ער רעדט עפעס צו דעם איד, און ער קומט צוריק. איר ווייסט אז אונז זעמיר חסידישע אידן, ווען דער בעל שם טוב הק' שטעלט זיך אפ אינמיטן א חתונה רעדן צו א פשוטע איד, האבן מיר גלייך געזאגט, ווער איז יענער געווען? א ל"ו

צדיק! אונז זעמיר גלייך דארט... אז דער בעש"ט הק' בייגט זיך אראפ צו א איד אויף א פערד און וואגן, איז ער א ל"ו צדיק!...

די עולם האט אים אנגעפאנגן געבן כבוד מלכים פאר דער איד, ער האט אבער נישט געוואוסט וואס מען וויל.

ביינאכט נאך די חתונה, צי נאך די סעודה, זענען זיי געגאנגען צו דעם איד און געפרעגט: ילמדינו רבינו, פארציילט אונז, ווער דו ביסט! ער האט געזען אז מען גייט אים שוין באלד געבן קוויטלעך, האט ער געזאגט: גוט, ער גייט פארציילן די מעשה.

האט ער פארציילט אזוי: ער וואוינט אין א דארף, און נעבן אים וואוינט א שכן, וואס דער שכן גייט ארום מאכן געשעפטן, און ווען ער גייט ארום מאכן געשעפטן - אזויווי היינט מען פארט אויף טשיינע - אויף א פאר וואכן, און ער קומט צוריק. יעדעס מאל וואס ער קומט צוריק, קומען די שכינים, מען מאכט א גרויסע ברוך הבא, מען נעמט אים אויף שיין, מען מאכט א לחיים, מען פריידט זיך ער איז צוריקגעקומען. אמאל איז נישט געווען קיין טעלעפאן, עס איז נישט געווען קיין שום קשר, ווען א מענטש איז אוועקגעגאנגען אויף א פאר וואכן, האט מען נישט געוואוסט וואס ווען וואו.

אמאל איז זיין שכן צוריקגעקומען נאך א פאר וואכן פון א לאנגע נסיעה, און ער איז אריין אין די הויז פון זיין שכן, באגריסן זיין חבר. ער איז אריין אין ספרים צימער פון זיין חבר, האט ער געזען, די פעקל געלט וואס זיין חבר האט מיטגעברענגט פון די לאנגע נסיעה, ליגט דארט אן קיין ספעציעלע שמירה. האט ער גענומען די געלט, ער האט עס אוועקגעטראגן צו זיך אהיים. ער האט נישט געוואלט גנב'ענען ח"ו, ער האט געוואלט מאכן א לימוד, לערנען פאר זיין חבר אז מען האלט נישט אזוי געלט, 'ער האט געוואלט מאכן א דזשאק' רוף מיר אונז עס...

ער האט געטראכט צו זיך: ווען זיין חבר וועט פרעגן וואו די געלט איז, וועט ער אים זאגן: הע, האסט עס איבערגעלאזט אליין, וואס האסטו געמיינט?! און דערנאך וועט ער אים עס צוריקגעבן, און זאגן איך האב דיך נאר געוואלט מעורר זיין... למעשה, דער חבר איז אנגעקומען, און דער צייט וואס דער איד איז פונקט נישט דארט געשטאנען, ווען ער איז אנגעקומען, איז שוין געווען א בהלה, די קינדער, די ווייב, מען האט שוין חושד געווען, מען האט זיך שוין אנגעשריגן... האט ער געטראכט: יעצט, אינמיטן אזא בהלה, קומען ברענגען די געלט, וועט שוין נישט קלאפן. ער וועטווארטן אויף באלד, ווען אלעס וועט זיך בארואיגן.

אבער עס האט זיך גארנישט בארואיגט, עס איז געווארן ערגער און

ערגער. און דער חבר איז שנעל געלאפן בארגן געלט... בקיצור, פאר א לאנגע צייט האט ער שוין די געלט, און ער האט זיך נישט געקענט ברעכן עס צוריקצוגעבן, אבער ער האט נאכנישט געניצט די געלט, נאר ער האט זיך נישט געקענט ברעכן אימיטן די גאנצע בהלה, קומען פארציילן פאר זיין חבר אז ער האט די געלט.

פונקט היינט האט ער מחליט געווען: ווי לאנג גייט ער האלטן די געלט? ער גייט מאכן ביזנעס מיטן געלט, און ער וועט נאכדעם אפצאלן פאר זיין חבר די גאנצע געלט! דער יצר הרע האט שוין געפערטיגט זיין ארבעט.

היינט ער האט מחליט געווען, אז ער גייט קומען זיך דורשמועסן מיטן בעל שם טוב, צי ער האט געוואלט זען דעם בעל שום טוב, איך ווייס נישט פונקטליך. און דער בעל שם טוב האט אים געגעבן א שטעל אפ: זיי מוחל, געב צוריק די געלט, ניץ נישט די געלט! עד כאן המעשה. דאס איז געווען דער ל"ו צדיק...

וואס איך וויל ארויסברענגען מיט די מעשה - דאס הייסט דער אייבערשטער געבט א מתנה פאר דער מענטש! דער איד האט געוואלט גנב'ענען, דער באשעפער האט אים געשיקט א מתנה, דער בעל שם טוב הקדוש! וואס זיין זכות איז געווען? איך ווייס נישט! אבער דו זעסט פון די מעשה, אז פון הימל וויל מען העלפן א מענטש, אפהיטן א מענטש, ער זאל זוכה זיין לתשובה שלימה, ער זאל נישט גנב'ענען, ער זאל נישט א דורכפאלן, געבט מען אים מתנות. אונז דארף מיר נאר טון וואס עס איז ריכטיג, אונז דארף מיר לערנען מוסר, אונז דארף מיר לערנען חסידות, אונז דארף מיר לערנען תורה, אונז דארף מיר היטן זמנים, היטן די אויגן און מויל, אונז דארף מיר היטן די בין אדם לחבירו, אונז דארף מיר טון וואס מען דארף צו טון, אונז דארף מיר לעבן, מיט מער שמחה, מער הנאה האבן פון זיך אליין, פון די עבודת הקודש וואס א איד האט.

איך וויל מסיים זיין מיט נאך איין מעשה, איך האב נאכנישט דערציילט גענוג מעשיות... די מעשה איז א מוסר השכל פון דער יצר הרע, בפרט בזמנינו. ווען איך רעד צו בחורים דערצייל איך די מעשה.

עס איז געווען אין די צייטן פון דעם הייליגן רוזינער זי"ע, איז געווען א איד, א דארפסמאן, אן ארימאן, ער האט נישט געהאט קיין געלט, ארים ווי די נאכט. איין טאג זענען אריינגעקומען צוויי גוים צו די בעל הבית'טע אין שטוב, דער מאן איז נישט געווען אינדערהיים, ער האט נעבעך פראבירט צו מאכן פרנסה, און זיי האבן איר געפרעגט, צו זי דארף א זאק פאטעטאס? אוודאי, אבער איך האב נישט קיין געלט צו באצאלן! ניין - זאגן די גוים - מיר האבן גענוג פאטעטאס,

איבערן קאפ, נעם עס דיר געזונטערהייט!

א וואך שפעטער, האבן די גוים געברענגט צוויבל מיט טאמעטאס, זיי האבן אנגעפאנגן צו מאכן דארט א גרויסע הרחבה. די אידן האבן זיך געפריידט, אמאליגע תמימות'דיגע אידן, זיי האבן נישט געפרעגט 'וואס וואו ווען', זיי האבן געטראכט, אז דאס איז א מתנה פונעם אייבערשטן, זיי האבן אויך געגלייבט אין מתנות פונעם אייבערשטן... אבער פון די מעשה וועסטו זען, אז דער יצר הרע טיילט אויך מתנות... עס איז נישט נאר דא מתנות פונעם אייבערשטן.

איין טאג קומען אריין די גוים, און זיי זאגן, אויב זיי ווילן האבן די אלע פירות מיט ירקות, שטעלן זיי איין תנאי, די צוועלף יעריגע אינגל, ווען ער ווערט בר מצוה, ווילן זיי אים אפקויפן פון איר!

זי האט זיי געזאגט: איר זענט אינגאנצן נאריש? צעדרייט? משוגע? איך געב ענק נישט קיין איין קינד! ניין! נישט דא וואס צו רעדן! און די גוים האבן אויפגעהערט צו ברענגען די אלע גוטע זאכן. אבער אזיווי א מענטש ווערט צוגעוואוינט צו דער יצר הרע, דאס איז די ערגסטע זאך. זי איז שוין געווען צוגעוואוינט צום יצר הרע. הלוואי זאלן מיר האבן אזא תאווה ווען מיר געוואוינען זיך צי צו די גמרא, צו דאווענען, מען זאל ווערן אזוי עדיקטעט צו די תורה... איך האב שוין געהערט א מענטש זאגט, ער איז עדיקטעט צו אלקאהאל, צו א ציגארעטל... האסט שוין געהערט א מענטש זאגט, ער איז עדיקטעט צו די גמרא? פארוואס נישט? מען דארף יא! אבער דער יצר הרע ארבעט גוט, דער יצר טוב האט נישט די אלע ווערטער... על כל פנים, זיי האבן זיך געבענקט צו די אלע גוטע זאכן, זיי האבן זיך נישט געקענט איינהאלטן.

האט זי געטראכט צו זיך: שוטה וואס איך בין, איך וועל אים אונטערשרייבן, איך געב אים די בחור, און ווען עס וועט קומען די טאג וועל איך רופן פאליציי, גיב מיר דאס קינד... א איד מאכט דאך אייביג ביזנעס... מען כאפט אריין, וואס איז זיכער איז זיכער, מען כאפט אריין... יענער האט פארלאנג אונטערצושרייבן מיט בלוט פון די האנט, און בתמימות האט זי אונטערגעשריבן מיט בלוט.

עס איז געווען חמשה עשר בשבט. דער איד איז געווען א רוזינער חסיד, ער האט געטראכט, אז ער האט אזא הרחבה אינדערהיים, וועט ער מחיה זיין דעם רבי, מיט געשמאקע פירות. אין די אלטע היים איז קוים געווען עפעס חמשה עשר בשבט...

דער ריזונער קומט אריין צום טיש, ער זעט אזעלכע שיינע פירות. ער זעצט זיך אראפ און ער טראכט, און ער רופט זיך אן: 'אראפ, אראפ פון טיש!'. דער גבאי זאגט: "ניין, יענקל האט עס

געברענגט צום רבי'ן פון דארף!". דער רוזינער זאגט ווייטער: "אראפ!". דער יענקל האט דאך נישט געפרעגט דעם רבי'ן קיין שאלה, מען האט פריער געשמועסט אז מען פרעגט נישט. ער איז אהיים געקומען, האט ער געפרעגט זיין ווייב: "פון וואו האסטו די פירות? דער רבי האט עס אראפגעשיקט פון טיש!". האט זי געזאגט: זי האט נישט קיין אנונג! זי האט אים נישט פארציילט.

האט ער געזאגט: "ניין ניין ניין, איך דארף צוריקגיין צום רבי'ן, פארצייל פון וואו דו האסט די פירות?!".

האט זי פארציילט די מעשה מיט דעם בריוו.

ער איז צוריקגעגאנגן צום הייליגן רוזינער, און דאס פארציילט פארן ריזונער. דער ריזונער האט זיך צוקרעכעצט. נאכדעם האט דער רוזינער געזאגט, אין טאג פון די בר מצוה זאל מען אריינברענגען דעם בחור צו אים אין שטוב.

און די טאג פונעם בר מצוה, האט דער ריזונער אים אריינגענומען צו אים אין צימער, און פארקלאפט די טיר און טויערן. אינמיטן הערט מען קלאפן, אבער אזלעכע זעצעס אז מען האט געמיינט אז די הויז פאלט צוזאם! דער רוזינער האט געזאגט: "עס איז מיינס, נישט דיינס, גייט זיך פון דאנעט!". אבער זיי האבן געזאגט: אונז האבן א צעטל מיט א חתימה!

עס איז א שווערע מלחמה, עס איז נישט אזוי גרינג בייצוקומען דעם יצר הרע.

דער רוזינער האט געמאכט א חכמה. דער רוזינער האט זיי געזאגט: ווייסט איר וואס? לאז מיר קודם אויסרייכערן די לילקע ציבעך, און דערנאך וועט מען זען! איז געגאנגן דער רוזינער און אריינגעלייגט קלעב דארט וואו מען לייגט אריין די טאביק... זיי ווארטן, און פלוצלונג קלאפן זיי. האט ער זיי געזאגט: איר האט געזאגט איר וועט ווארטן ביז איך רייכער אויס די לילקע ציבעך, איך מאך א שבועה, איך וועל דאס קיינמאל נישט רייכערן, יעצט ווארטס!

זיי האבן געגעבן א זעץ און אנטלאפן. דער רוזינער האט זיי געראטעוועט [די לילקע ציבעך איז נאך דא, עס געפינט זיך ביי א איד, נישט ביי קיין רוזינער יורש. איינער פון די יורשים האט געדארפט געלט און ער האט עס פארקויפט].

על כל פנים, וואס זעט מען פון די מעשה, אזוי ארבעט דער יצר הרע. דער יצר הרע געבט גוטע זאכן, און דער יצר הרע מאכט אז מען זאל אים ליב האבן, און מען זאל זיך צוגעוואוינען, און דערנאך קען מען זיך שוין נישט אפגעוואוינען. מען דארף האבן דעם ריזונער זאל מאכן שבועות, דאס וואס אונז זע מיר. אבער זאלסטו וויסן, ווען א איד שטארקט זיך, ווען א איד

שרעקט זיך נישט פון די אלע שיינע זאכן פון דער יצר הרע, ער היט זיך די אויגן און מויל, מען לערנט תורה בקדושה ובטהרה - דאס הייסט תשובה טון, פשוט זיצן און לערנען, דאוועגען. דו מיינסט אז תשובה איז אזא מורא'דיגע זאך? ווען דו קלאפסט סלח לנו דריי מאל א טאג, זאלסטו טראכטן וואס דו זאגסט, פשוט, דאס הייסט תשובה טון. ווען דו קלאפסט זיך אשמנו ביי תחנון, טראכט די טייטש און מיין עס אמת'דיג, און זיי מכיר אז דאס איז נישט גוט - דאס איז תשובה, די איבריגע איז טון, גלייבן אין די מדריגות וואס דער אייבערשטער געבט פאר א מענטש, גלייבן אין די כוחות וואס אונז האב מיר, און דינען דעם אייבערשטן באמת.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל זוכה זיין טאקע, מיר זאלן קענען גיין אויף די ריכטיגע וועגן, אויף די וועגן וואס אונזערע עלטערן און רבי'ס האבן אונז געלערנט. מען זאל זוכה זיין, ענק אלע זאלן זיין גדולי הדור, ענק קענען! וויאזוי זעט אויס א גדול הדור אלס בחור? אזוי האט ער אויסגעקוקט!... מיר זאלן אלע זוכה זיין צו תשובה שלימה, מיר זאלן זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, אריכות ימים ושנים טובים, יעדער זאל זיין געזונט און שטארק די גאנצע לעבן, זאל מען נישט וויסן פון קיין שוועריגקייטן, נישט ברוחניות און נישט בגשמיות, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין לביאת משיח צדקינו, במהרה דידן אמן.

א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אננעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

יום א-ב פרשת שופטים תשפ"ב

# תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ

וברש"י: התהלך עמו בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו.

## די ריכטיגע בליק אויף יסורים

**תוכן המאמר: תמים תהיה עם ה' אלקיך**; היכי דמי חילול השם? / אז א איד איז נישט דבוק אין באשעפער – דאס איז א חילול השם! / א קדעבן דארף מען געבן אויף די יסודים און מקבל זיין באהבה / אז מען האט נישט קיין נסיון אויף מדה שהודה און עצבות איז מען א שוטה / קיינמאל אין לעבן נישט געזעען צעבראכן... / אין די יסודים ליגן רחמים וחסדים / אם הואה אדם שיסורין באין עליו - יפשפש במעשיו, שנאמר נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה עד ה' / בלע מדוד לא יצא / מען דארף זאגן 'איך האב באקומען די קלאפ און עס האט וויי געטון' / אפקומען מיט יענעמס יסודים.

### היכי דמי חילול השם?

דער הייליגער רבי יענקלע פון פשעווארסק זצוק"ל האט פארציילט: הרה"ק רבי אהרן האלבערשטאם זצ"ל, דער קרייזער רב, א זון פונעם הייליגן דברי חיים זצ"ל האט אמאל געפירט א דין תורה, און ער האט ארויסגעגעבן א פסק, ער האט געזאגט ווער עס איז גערעכט און ווער עס איז חייב. דער וואס עס איז ארויסגעקומען אז ער איז שולדיג, האט נישט געוואלט פאלגן די דין תורה, און נישט נאר דאס, נאר ער איז געקומען תובע זיין פון דעם קרייזער רב, ער זאל צוריקציען פונעם פסק.

פארשטייט זיך אז דער קרייזער רב האט נישט צוריקגעצויגן, און דער איד האט אים אנגעווארנט, אז טאמער ער גייט נישט צוריקציען פון די פסק, גייט

ער אים פאר'מסר'ן פאר די רעגירונג, און מען גייט אים ארײנשליידערן אין תפיסה.

דער קרייזער רב האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט, ער האט געלעבט מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן און אין די תורה, ער האט זיך ניטאמאל צעטון געמאכט.

דער איד איז אבער געווען א 'גוזר ומקיים', און ער האט פאר'מסר'ט דעם קרייזער רב פאר די רעגירונג, און מען האט ארײנגעלייגט דעם קרייזער רב אין תפיסה ארײן.

איז מען געקומען צום הייליגן צאנזער רב, און מען האט אים מודיע געווען וואס עס איז געשען פאר זיין זון. דער צאנזער רב האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט, כאילו עס איז גארנישט געווען. ער האט גע'פסק'נט א דין תורה אזויווי עס שטייט אין די תורה, איז ער געגאנגן אין תפיסה, נו וואס איז?...

די חסידים האבן געזען אז דער צאנזער רב מאכט זיך נישט וואוסנדיג, זענען זיי געגאנגן צו הרה"ק רבי יהושע פון בעלז זי"ע, די מחותן פון צאנזער רב, און מען האט אים געבעטן אז ער זאל קומען צום צאנזער רב, און די צוויי גרויסע צדיקים צוזאמען, זאל מען פועל'ן א ישועה.

## אז א איד איז נישט דבוק אין באשעפער - דאס איז א חילול השם!

דער הייליגער בעלזער רב איז געקומען קיין צאנז. אינמיטן די שמועס האט ער אים געזאגט: דאס אז דער קרייזער רב זיצט אין תפיסה איז גורם א חילול השם... האט אים דער צאנזער רב געפרעגט: "וואס איז די חילול השם? אז אין די תורה שטייט 'ולא תגורו מפני איש' איז א חילול השם אז מען זיצט אין תפיסה פאר דעם?" דער צאנזער רב האט ווייטער געפרעגט: "יוסף הצדיק איז געזעצן אין תפיסה, איז דאס געווען א חילול השם? ווען דער הייליגער רבי ישראל'טשע פון רוזין איז געזעצן אין תפיסה איז דאס געווען א חילול השם? הער מיר אויס מחותן: ווייסט וואס מיינט א חילול השם? ווען איינער וואס הייסט א איד, און איז נישט דבוק אין באשעפער, דאס הייסט א חילול השם!!".

**"הער מיר אויס מחותן: ווייסט וואס מיינט א חילול השם? ווען איינער וואס הייסט א איד, און איז נישט דבוק אין באשעפער, דאס הייסט א חילול השם!!**

דער הייליגער צאנזער רב, וואס האט זיך מוסר נפש געווען פארן כלל ישראל, עס האט נישט איבערגענעכטיגט א פרוטה ביי אים, ווייל ער האט געדארפט טיילן צדקה, ער האט זיך מוסר נפש געווען פארן באשעפער און פאר כלל ישראל, יעדע מינוט און יעדע רגע, אבער אז א איד זיצט אין תפיסה ווייל ער איז מקיים די תורה, דאס איז נישט קיין חילול השם! עס האט אים ניטאמאל בארירט א פינטל. חילול השם

איז ווען א מענטש איז נישט דבוק אין באשעפער.

דער הייליגער צאנזער רב האט געוואוסט, אז עס איז דא אזא זאך, ווי א איד לעבט מיטן אייבערשטן, און אז מען גייט אדורך אביסעלע יסורים אויף מקיים זיין די תורה, געשעט גארנישט, מען דארף עס מקבל זיין באהבה, און די תורה הקדושה וועט שוין אויסלייזן דעם קרייזער רב, די תורה הקדושה וועט זיך שוין אננעמען, מען דארף נישט פארפירן.

ער איז נישט בייז געווארן "אוי, דער מוסר!"... ער האט אים נישט געגעבן די פארקערטע פון ברכות, ער איז נישט געווען פארנומען מיט די מוסר רח"ל, צאנזער רב איז געווען פארנומען, אז עס איז נישט קיין חילול השם, מען מעג ליידן פאר די תורה הקדושה, מען קען האבן יסורים פארן זיין א איד. חילול השם איז, אז מען איז נישט דבוק אינעם אייבערשטן, ווען מען רעדט לשון הרע, רכילות, ווען מען איז אין עצבות און מרה שחורה, ווען מען קאכט זיך אין מחלוקת - דאס איז חילול השם! ווייל מען איז נישט דבוק אין באשעפער. אבער ווען מען לעבט אין פנים מאירות אש-בש, די מאכן נישט קיין חילול השם, די זענען מקדש די שם ה', די זענען מפרסם די שם ה' אין די גאנצע וועלט.

## א קרעכץ דארף מען געבן אויף די יסורים און מקבל זיין באהבה

עס שטייט אין די פאריגע וואכעדיגע סדרה 'לא תעשון כן להשם אלקיכם'.

דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע איז אמאל געזעסן ביים טיש מיט די תלמידים, און ער איז געווען בדיחא דעתיה. נאך די סעודה איז אריינגעקומען דער הייליגער ראדאשיצער זי"ע, און ער האט געפרעגט: "וואס איז דער רב געווען אזוי בשמחה ביי די סעודה היינט?".

האט דער ראפשיצער רב געענטפערט: עס איז נפטר געווארן א גרויסער צדיק, און מען איז אדורכגעגאנגן די גאנצע לעבן, און ער האט מקיים געווען כל התורה, אבער נאך אלעם 'אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא', צדיקים איז מען מדקדק עליהם אפילו אויף א חוט השערה, און מען האט געכאפט א קליינע פגם, און ער איז פאר'משפט געווארן, אז ער דארף גיין, א שעה און א האלב אין גהינם.

זענען געקומען די סניגורים און גע'טענה'ט: ער איז דאך געווען אן עני, עניות ראטעוועט דאך פון גהינם? ווי ווייט איז געווען זיין עניות? ער האט אפילו נישט געהאט קיין שיך, די גמרא זאגט (שבת קיט) לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו ויקנה נעלים לרגלו, ער איז געווען אזוי ארים, אז זיי האבן נאר געהאט איין פאר שיך אינדערהיים, און ער מיט זיין בני בית האבן זיך איינגעטיילט, ווער עס איז ארויס אין גאס האט באקומען די שיך, אבער מער פון איין פאר שיך האבן זיי נישט געהאט. האבן די מלאכי רחמים געוואלט מעורר רחמים זיין, ער זאל נישט באקומען אפילו א שעה און א האלב גהינם אויך נישט.

זענען געקומען די מקטריגים, און גזאגט: ניין, ער איז געווען אזא גרויסער צדיק, און אזוי אויסגעארבעט, אז ער האט נישט געהאט קיין צער דערפון, קען ער נישט אפקומען גהינם. פארוואס טוט עניות אפווישן די גהינם? ווייל מען האט צער, ער האט דאך נישט געהאט קיין צער?!

זאגט דער הייליגער ראפשיצער רב: נאך א מזל אז איין מלאך איז געקומען, וואס האט זיך דערמאנט, אז איינמאל איז ער ארויסגעגאנגן מיט די איין פאר שיך וואס זיי האבן געהאט אינדערהיים, און די שיך האט זיך פארפלאנטערט אין א שטיקל בלאטע, און דעמאלסט האט דער צדיק ארויסגעלאזט א קרעכטץ, איז א סימן, אז ער האט געשפירט די יסורים, נאר ער האט עס מקבל געווען באהבה. האט מען גע'פסק'נט אז ער איז פטור פון גהינם, ער קען גיין אין גן עדן!

האט געטייטשט דער ראפשיצער רב: 'לא תעשון כן לה' אלקיכם' איר זאלט נישט זאגן פארן אייבערשטן אלעס איז גוט, ניין, מען דארף אמאל ארויסלאזן א קרעכץ, מודיע צו זיין: רבוש"ע, איך וייס עס איז יסורים, אבער איך האב עס מקבל געווען באהבה.

## אז מען האט נישט קיין נסיון אויף מרה שחורה און עצבות איז מען א שוטה

דער הייליגער טאהשער רבי זצוק"ל האט מיר אמאל געזאגט אינמיטן א פריוואטער שמועס: א מענטש וואס האט נישט קיין נסיון ציצוקומען צו מרה שחורה און עצבות איז א שוטה! חז"ל זאגן 'שוטה אינו מרגיש'.

אוודאי דארף א מענטש שפירן די יסורים, מען דארף זיך בעטן און אויסוויינען ביים אייבערשטן, און תיכף זיך מחזק זיין. אבער נישט, א מענטש זאל האבן א קאלטע גוף אן קיין הרגישים. דער רבוש"ע וויל דאך מיר זאל שפירן ווען עס איז דא יסורים, ווען עס איז דא שוועריגקייטן, און א מענטש דארף צוקומען צו זיך אריינטראכטן, און דערנאך הייבט זיך אן מחשבות ח"ו פון עצבות ומרה שחורה, פון יסורים, און מען כאפט זיך צוריק, און מען איז זיך מחזק. דאס איז די עבודת הקודש פון א איד. ווייל א מענטש דארף שפירן וואס דער הייליגער באשעפער געבט פאר אונז.

## קיינמאל אין לעבן נישט געווען צעבראכן...

אזויווי עס איז געווען א מעשה ביים זיידן ז"ל [הגה"ק בעל ברכת שמים מקאשוי זצוק"ל], ווען ער איז געזעצן שבעה נאך א זון, וואס ער איז אוועק בחייו. ער האט געהאט א זון א צדיק ר' אשר יעקב זצוק"ל, ער איז אוועק אין גאר א יונגן עלטער, אלט זייענדיג בלויז אכט און דרייסיג יאר. אינמיטן די שבעה איז געווען דארט רבנים און גדולים, דער זיידע ז"ל האט געלאזט א פאר טרערן. איז ארויסגעקומען איינע פון די צדיקים פון מנחם אבל זיין, און ער האט זיך אנגערופן: "קאשוי רב זעט אויס אביסל צעבראכן!"...

מען האט עס איבער געזאגט פארן זיידן, האט ער געזאגט: "חלילה וחס, צעבראכן? א איד טאר נישט זיין צעבראכן, א איד ווערט נישט צעבראכן,

איך בין נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט געווען צעבראכן!".

און דא רעדט מען שוין, נאכן דורכגיין די שבעה מדורי גהינם ביי די צווייטע וועלט קריג. קיינמאל אין לעבן איז ער נישט געווען צעבראכן!

דער זיידע ז"ל האט ווייטער געזאגט: "נאר וואס דען? ווען א מענטש פאלט אראפ, און ער כאפט א קלאפ, זאגט ער 'אה', וואס איז פשט? 'אה' מיינט נישט אז ער האט נישט קיין אמונה און בטחון, דאס מיינט ער שפירט א קלאפ, דער אייבערשטער האט עס געמאכט, און מען איז זיך מחזק מיט אמונה און בטחון". ממילא האט ער געלאזט א טרער, צו זאגן, אז דער רבוש"ע האט געשיקט א שוועריגקייט און ער שפירט עס.

**חלילה וחס, צעבראכן? א איד טאר נישט זיין צעבראכן, א איד ווערט נישט צעבראכן, איך בין נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט געווען צעבראכן!**

על כל פנים, זעט מען דא די זעלבע יסוד. א מענטש זאל קיינמאל נישט צעבראכן ווערן ווען ער שפירט יסורים, ווען ער זאגט רבוש"ע עס איז שווער. מען טאר אבער נישט דארט בלייבן, מען דארף זיך תיכף מחזק זיין, און דאנקן און לויבן דעם אייבעשטן אז מען האט דורכגעמאכט די נסיון.

## אין די יסורים ליגן רחמים וחסדים

אין ספר אמת ליעקב פון הרה"ק רבי יעקב יצחק שפירא פון בלענדוב זצ"ל (א זון פונעם שרף פון מאגלניצא זצ"ל; אן אייניקל פונעם הייליגן קאזניצער מגיד און דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זצ"ל) פארציילט ער אזוי:

איינמאל האט דער רביצין פונעם הייליגן נעשכיזער זצ"ל געהאט זייער שטארקע ציין ווייטאג, באופן נורא, שרעקעדיגע ווייטאג. זי האט עס פארציילט פאר איר מאן, דער הייליגער נעשכיזער עטליכע מאל, און די ווייטאג איז נישט אוועקגעגאנגן. איז זי אריינגעגאנגן צו איר מאן אין צימער, און זי זאגט אים מיט תרעומות: עס קומען צו דיר אזעלכע גרויסע זאכן, חולים מסוכנים, מענטשן וואס עס זעט אויס אז זיי גייען שוין אוועק פון די וועלט רח"ל, און דו דאווענסט צום אייבערשטן, און זיי האבן א ישועה. פארוואס קענסטו נישט בעטן פאר דיין רביצין, אז זי אליינס זאל האבן א ישועה, עס זאל איר אוועקגיין די ציין ווייטאג? זי האלט עס נישט אויס!!

האט ער געענטפערט מיט די לשון: הער מיך צי, איינמאל ווען איך בין געווען זייער אריינגעטון אין מיינע מחשבות, האט זיך מיר געדאכט אז איך בין אויבן אין הימל, און איך האב געזען אויבן אין הימל ווי א נשמה קומט ארויף פארן בית דין של מעלה, און מען גייט אים משפט'ן, מען גייט אים שטעלן

פארן בית דין של מעלה, און מען רופט אויס "מאכט א וועג, לאזט אים א דורך!".

פארציילט דער הייליגער נעשכיזער: ער האט זייער שטארק געוואלט זען א משפט אויבן אין הימל, האט ער געזען אז דער ראש בית דין רופט אויס "ווער עס ווייסט עפעס א זכות אויף די נשמה, עפעס א גוטע זאך וואס ער האט געטון, זאל אהער קומען!". עס גייט אריבער צייט, און קיין איין מלאך מליץ טוב קומט נישט אן. ער איז געווען נעבעך אזא בעל עבירה, אז קיין איין מלאך האט נישט געקענט מליץ טוב זיין. דער ראש בית דין רופט אויס נאכאמאל "ווער עס ווייסט עפעס שלעכטס, עבירות, אויף די נשמה, זאל קומען!" אה, עס איז געקומען שווארצע מלאכים מיט גאנצעטע פעק און זעק, און מען האט עס ארויפגעלייגט אויף די וואגשאל פארן בית דין של מעלה, און עס האט אראפגעוואויגן ממש ביז אונטען. אבער אויף די כף זכות איז נישט געווען גארנישט.

יעדער איינער האט פארשטאנען, אז דא גייט מען דן זיין לכף חובה. אבער דער ראש בית דין האט נישט געהאלטן ביים אויפגעבן. ער רופט זיך אן "אפשר קען איינער קוקן ווייט ווייט, און זען אפשר דאך איז דא עפעס א מליץ יושר פון דערווייטנס, וואס ער האלט אינמיטן קומען, דער מלאך מליץ יושר איז נאך פשוט נישט אנגעקומען". האט זיך איין מלאך אויפגעשטעלט ממש אינדערהייער, און ער האט געקוקט, און ער האט זיך אנגערופן, ער זעט פונדערווייטנס א מלאך, וואס ער איז א פעליגער, ער הונקעט, ער קומט צו גיין, און ער האט א פעקעלע. האט זיך אנגערופן דער ראש בית דין: "מען דארף ווארטן אפשר האט ער עפעס צו זאגן".

מען האט געווארט ווילאנג ער איז אנגעקומען. דער מלאך איז אנגעקומען, און ער האט אראפגעלייגט די בינטעלע, א פעקעלע אויף די וואגשאל פון די צד פון די זכותים, און עס האט אזוי אראפ געוואויגן, אז אלע עבירות האבן זיך אנגעפאנגן ארויפהייבן.

ענדיגט צו דער הייליגער נעשכיזער די סיפור פאר זיין רעביצין: עס איז נישט קיין נפקא מינא וואס די פסק דין איז געווען, וואס פארא עונשים און וואס פארא שכר מען האט אים געגעבן אויבן אין הימל ה"י, אבער איך האב זייער געוואלט זען, וואס ליגט אין די פעקעלע וואס האט אזוי אראפגעוואויגן די כף זכות. האט ער זיך נאכגעפרעגט, האט מען אים געזאגט, אז דארט איז דא יסורים וואס דער מענטש האט געליטן אין עולם הזה - זאגט ער פאר זיין רעביצין - זעסטו וויפיל עס טוט אויף יסורים אויף די וועלט?! ווילסטו איך זאל דיר אוועקנעמען די ציין ווייטאג, און דיר אוועקנעמען אזויפיל עולם הזה?!

האט די רעביצין געזאגט, זי איז עס שוין מקבל באהבה!!

יעצט לאמיר אריינטראכטן, וואס איז געווארן מיט די ציין ווייטאג? פארוואס האט זי נישט געענטפערט: 'איך האלט עס אבער נישט אויס!' 'איך קען נישט!' 'עס איז נישט מעגליך!'?!

די תשובה אויף דעם איז: מיר קענען נישט, נאר דעמאלסט, ווען מיר קוקן עס אן ווי שרעקעדיגע יסורים, און עס קומט מיר נישט, און איך האב גארנישט דערפון, און איך וויל עס נישט האבן. אבער אין די רגע וואס א מענטש זאגט 'טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו', איך גלייב אז דאס איז פאר מיין טובה, דו ווילסט מיר גוטס טון הייליגער באשעפער! קען מען סובל זיין! יסורים איז א זאך וואס א מענטש דארף קענען מקבל זיין, און לויט וויאזוי מען איז עס מקבל, אזוי איז עס באמת. אז מען איז עס מקבל באהבה, מען שפירט אז אין דעם ליגט רחמים וחסדים פונעם הייליגן באשעפער, קען מען סובל זיין.

### אם רואה אדם שיסורין באין עליו - יפשפש במעשיו, שנאמר נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה עד ה'

נאך שטייט אין ספר אמת ליעקב: מענטשן זענען צוגעוואוינט ווען זיי האבן א געוויסע צער, זאגן זיי "דער אייבערשטער וועט העלפן!". אוודאי, יעדער איד דארף זיך פארזיכערן אינעם אייבערשטן, און מתפלל זיין, דער הייליגער באשעפער זאל אים העלפן. אבער א מענטש דארף דאך אריינטראכטן אין וואס די גמרא זאגט (ברכות ה.) אז א מענטש זעט אז יסורים קומען אויף אים, זאל ער מפשפש זיין אין זיינע מעשים. דער הייליגער באשעפער שיקט יסורים אויסציהיילן א מענטש ברוחניות, אז א מענטש זאל זיין אין א העכערע נאנטערע מדריגה, נענטער צום הייליגן באשעפער. ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט נאך די הונדערט און צוואנציג, זאל ער קענען נהנה זיין מזיו השכינה. און ווען א מענטש גלייבט דאס, און נאכדעם איז ער מתפלל "רבוש"ע העלף!", ווייל דער הייליגער באשעפער וויל ער זאל דאווענען, אבער ער גלייבט אז דאס איז יסורים של אהבה, דעמאלסט זעט ער א ישועה.

אבער טאמער א מענטש זאגט גלייך "הייליגער באשעפער העלף!", און ער טראכט נישט אריין, פארוואס דער הייליגער באשעפער האט עס געשיקט, און אז מיט דעם קומט מען אפ חטאים עוונות ופשעים. כאילו מען שפירט אפילו נישט, אז דאס איז א רמז פון הימל. קומט דאך אויס אז די יסורים האבן גארנישט אויפגעטון, וואס האט א מענטש פון זאגן 'הייליגער באשעפער העלף'? עס איז נישט קיין טובה פארן מענטש? - אזוי האט געזאגט דער הייליגער נעשכיזער.

דער הייליגער באשעפער וויל דיך טון א טובה, דער הייליגער באשעפער, דער רופא נאמן, היילט. אבער דער הייליגער באשעפער וויל, אז א מענטש זאל זיך אויפוועקן, א מענטש זאל זיך אריינטראכטן.

ווען אונז האבן שוועריגקייטן און יסורים, טוען מיר נישט קיינעם באשולדיגן. נישט די ארומיגע מענטשן, און נישט קיין שום סיבה אין די וועלט קען גורם זיין יסורים און שוועריגקייטן פאר א מענטש, נאר דער הייליגער באשעפער, וואס ער ווייסט וואס אונז דארף מיר אויפטון אויף די וועלט, און

וואס עס ווארט אויף אונז אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, און דער הייליגער באשעפער וויל אונז נאנט ברענגן צו אים, מען זאל בעסער דאווענען, בעסער לערנען.

## בלע מרור לא יצא

דער הייליגער רוזינער זי"ע האט געזאגט: מען דארף מרגיש זיין די יסורים, עס דארף וויי טון. ער ברענגט א ראיה דערצו. די גמרא ברענגט (פסחים קטו:) 'בלע מרור' אויב מען האט אראפגעשלינגן מרור, מען האט עס נישט צעקייעט, מען האט נישט געשפירט די טעם מרור, 'לא יצא', האט מען נישט יוצא געווען די מצוה פון עסן מרור. מען מוז שפירן די ווייטאג, מען מוז עס מקבל זיין אלס א ווייטאג, און נאכדעם זאגן 'רבוש"ע איך בין עס מקבל באהבה!', און נאכדעם בעטן דעם הייליגן באשעפער זאל אונז ארויסראטעווען פון די שוועריגקייטן.

## מען דארף זאגן 'איך האב באקומען די קלאפ און עס האט וויי געטון'

אין ספר חמדה גנוזה (אות קלו) ברענגט ער דארטן בשם דער הייליגער צאנזער רב זי"ע, אז ווען איינער באקומט א פאטש פון זיין טאטען, און ער וועט זאגן ער שפירט עס נישט, עס האט גארנישט געמאכט, איז ער א מחוצף. ניין! מען דארף זאגן: איך האב יסורים, איך האב באקומען די פאטש, טאטע, דו ביסט גערעכט! איך גיי שוין מער נישט טון די עוולה! אזוי דארף א מענטש מקבל זיין יסורים פונעם הייליגן באשעפער כביכול. און ער ברענגט א מקור אויף דעם, דער רמב"ם (אבל פרק יג הלכה יב) שרייבט: 'כל מי שאינו מתאבל כמו שצוו חכמים הרי זה אכזרי, אלא יפחד וידאג ויפשפש במעשיו ויחזור בתשובה, ואחד מבני חבורה שמת תדאג כל החבורה כולה, כל שלשה ימים הראשונים, יראה את עצמו כאילו חרב מונחת לו על צווארו, ומשלשה ועד שבעה [כאילו היא] מונחת בקרן זוית, מכאן ואילך [כאילו] עוברת כנגדו בשוק, כל זה להכין עצמו ויחזור ויעור משנתו, והרי הוא אומר 'הכיתה אותם ולא חלו' מכלל שצריך להקיץ ולחול' [דער וואס איז זיך נישט מתאבל אזיווי חז"ל האבן אונז באפוילן, איז ער אן אכזר, נאר מען דארף זיך דערשרעקן און זיך זארגן, און נאכקוקן די מעשים, און תשובה טון... די תקנת חז"ל פון אבילות איז זיך אויפוועקן פון שלאף, און אויף דעם זאגט די פסוק, אלס מוסר, אויף דער וואס באקומט א קלאפ פונעם באשעפער און ער שפירט נישט די קלאפ] אויב מען שפירט נישט קיין יסורים, איז דאס נישט קיין יסורים דאס איז נישט די רצון השם פארוואס ער שיקט אונז יסורים.

> **...מען מוז שפירן די ווייטאג, מען מוז עס מקבל זיין אלס א ווייטאג, און נאכדעם זאגן 'רבוש"ע איך בין עס מקבל באהבה!'.**

מיר דארפן טאקע לעבן מיט פנים מאירות, און אמונה שלום בטחון און שמחה אין יעדע מצב, אבער בנוגע 'שפירן יסורים' 'מקבל זיין די יסורים' זאגן פארן הייליגן באשעפער איך באקום מיין מעסעדזש, איך פארשטיי וואס דו ווילסט פון מיר, און זיך נאנט ברענגען צום הייליגן באשעפער, דאס איז יסורים וואס ברענגט טובה וברכה, און נאכדעם וואס מען דאווענט, ברענגט דאס רחמים וחסדים גלויים, און עס גייט אוועק.

ובפרט יעצט אין חודש אלול, וואס מען גרייט זיך צום נייעם יאר, און מען זוכט זכותים צום יום הדין, דארף מען אננעמען די יסורים באהבה, די יסורים זאלן טון די ריכטיגע פעולה, פארוואס דער הייליגער באשעפער שיקט עס.

## אפקומען מיט יענעמס יסורים

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים. עס איז דא אמאל וואס דער הייליגער באשעפער וויל געבן יסורים פאר א מענטש, אבער דער הייליגער באשעפער האט רחמנות אויף אים, שיקט ער אים, ער זאל זען אן ארימאן, ער זאל הערן עפעס א בשורה פון עפעס יסורים, ער זאל זען ערגעץ שוועריגקייטן, און ער טראכט זיך אריין: פארוואס האב איך דאס געדארפט זען און הערן? אלא מאי, ווייל דער הייליגער באשעפער וויל מיך מעורר זיין און נאנט ברענגען צום אייבערשטן. און נישט נאר ער טראכט זיך אריין אין דעם, נאר ער העלפט דעם אנדערן איד, ער העלפט א איד ארויסגיין פון זיין צרה, פון זיינע יסורים, פון זיינע שוועריגקייטן. מיט דעם קומט ער שוין אפ, אז די יסורים דארפן שוין בכלל נישט אנקומען.

און ממילא, ווען א איד שרייט דיך אן, ווען א איד באַ'עול'ט דיך, אויף וועלכע וועג עס זאל נאר זיין, לייג אריין געוואלדיגע מוח אין דעם, דער רבוש"ע וויל דיר געבן א רמז פון יסורים, אז דו זאלסט נתעורר ווערן, און דאס מקבל זיין באהבה. אזוי וועסטו נישט דארפן האבן פיזישע יסורים, אזוי וועסטו נישט דארף האבן גייסטישע יסורים, וועסט עס יעצט מקבל זיין באהבה.

ווען א מענטש האט יסורים, ווען א מענטש האט שוועריגקייטן קיינער זאל נישט האבן, ח"ו אז דאס זאל זיין א סיבה, מען זאל שוואכער דאווענען, שוואכער לערנען, שוואכער עוסק זיין אין תיקון המידות און התקרבות להקב"ה - אדרבה ואדרבה! נישט האבן טענות אויף מענטשן, נישט זיין בייז אויף מענטשן, נישט זיין אויפגערעגט אויף גארנישט און אויף קיינעם נישט, און אויף זיך אליין אויך נישט, נישט זיין קיין תובע פון מענטשן, זיך נאנט ברענגען צום אייבערשטן.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

## אור לנתיבתי

# די טובה פון 'ענעקזייעטי'

**א איד האט אנגעפרעגט אזוי: ער מוטשעט זיך מיט ענקזייעטי, און אזוי ווי מיר גלייבן אז אלעס איז לטובה, וויל ער פארשטיין וואס פאר א תועלת אדער גוטס קומט ארויס פאר א מענטש פון די ענקזייעטיס וואס ער גייט אריבער.**

תשובה: קודם כל, מיר ווייסן נישט אלעמאל די ספעציפישע טובה וואס דער אויבערשטער מיינט פאר אונז מיט יעדן נסיון וואס ער שיקט. אבער ביי ענקזייעטי איז טאקע דא א געוואלדיגע תועלת.

ווען א מענטש מוטשעט זיך מיט ענקזייעטי און ארבעט אקטיוו דערויף, לייגט אריין אלע כוחות צו העלפן זיך אליין און איבערקומען די מטריד'יגע מחשבות, אזא מענטש ווערט זייער, זייער נאנט צום אויבערשטן. ער באקומט א געוואלדיגע מיטל וויאזוי צו באהאנדלען מחשבות זרות. די זעלבע וועג וואס ער ניצט צו ארבעטן אויף ענקזייעטי לערנט אים ווי אזוי זיך אפצוקערן און דערווייטערן פון מחשבות זרות, פון מחשבות וואס מען טאר נישט האבן. אוודאי האט ער א ריוח.

ער האט אויך נאך א ריוח - ער ווערט זייער נאנט צום באשעפער. ווען א מענטש מוטשעט זיך און שטרענגט זיך אן צו דאווענען, צו לערנען, צו אנגיין מיט זיין טעגליכן סדר היום, און ער מוטשעט זיך ווייל ער וויל זיין אן ערליכער איד, א רואיגער איד, נאנט צום באשעפער, מקיים זיין זיינע מצוות, און מחנך זיין זיינע קינדער - ווען א מענטש פלאגט זיך ווייל דאס איז דער רצון השם, און ער איז דאס מקבל באהבה און פארשטייט אז דאס איז זיין תכלית, ווערט ער זייער נאנט צום באשעפער.

עס לערנט אויס א מענטש אז אלעס איז עבודת השם, און יעדער נסיון וואס מען האט - אלע זייערע נסיונות, סיי אין שוועריגקייטן במחשבה, בדיבור, ובמעשה, אויף יעדן אופן וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן - איז צום סוף פאר זייער טובה, זיי נעמטער צו ברענגען צום באשעפער. עס ברענגט

ארויס אונזער ליבשאפט צו תורה און מצוות, ברענגט ארויס אונזער בענקעניש צו תורה און מצוות און צום אויבערשטן.

ווען מענטשן שפירן ענקזייעטי אין בין אדם לחבירו באציאונגען, ווערן זיי נענטער צו אנדערע. עס נעמט אוועק ביטערקייט און אויפרעגונג. די השתדלות וואס מען לייגט אריין אין ארבעטן אויף ענקזייעטי אנטפלעקט וואס א מתנה דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן: די מעגליכקייט ארייצולייגן כוחות אין אוועקנעמען קנאה, תאווה, כבוד און מחשבות זרות. ווי אזוי צו איבערקומען שוועריקייטן אין בין אדם למקום און בין אדם לחבירו. עס נעמט א מענטש און פארוואנדלט אים אין אן עובד השם, און ברענגט אים צו א דערהויבענע מדריגה פון נאנטקייט צום באשעפער.

פאר אלע וואס מוטשען זיך מיט ענקזייעטי, זייער לעבן דארף נישט זיין צעבראכן; פארקערט, זיי זאלן זיין פריילין! זיי האבן א מתנה זיך צו דערהייבן, זיך צו דערנענטערן, און זיי ווערן געלערנט. זיי לערנען פון זייערע אייגענע נסיונות ווי אזוי צו דינען דעם באשעפער, ווי אזוי צו דאווענען, ווי אזוי צו לערנען, ווי אזוי ליב צו האבן א דאווענען און לערנען.

ווען א מענטש גייט צי צו בלבול המחשבות און ארבעט אויף זיי, און דערנאך קען ער לערנען, דאווענען, און מקיים זיין מצוות, באמערקט ער אז ער קען מחנך זיין קינדער, ער קען פארדינען פרנסה. עס שטעלט א מענטש אויף זיינע אייגענע פיס, מאכט אים זיך שפירן גוט. ער ווערט א דערהויבענער מענטש, א פרייליכער, געזונטער מענטש, א מענטש אין געזעלשאפט. ער שפירט זיך גוט צווישן מענטשן. עס ברענגט שמחה, אמונה, און בטחון. עס ברענגט אלע מעלות וואס א מענטש דארף אין זיינע בין אדם לחבירו - וואס אפטמאל, אויב ער וואלט נישט געהאט די נסיונות, וואלט ער אפילו נישט געוואוסט אז ער טוט וויי מענטשן, אדער ער איז נישט פארבונדן מיט מענטשן, אדער ער דאוונט נישט ווי עס דארף צו זיין. ער וואלט נישט געהאט דעם זיסן געפיל פון "איך האב זיך געמוטשעט און איך האב דורכגעבראכן".

אלע די ענקזייעטי מחשבות ברענגען ארויס שוועריקייטן, און מען פארוואנדלט זיי אין עבודת השם. מען פארזיסט דאס לעבן. די מעלות וואס א מענטש וואס מוטשעט זיך מיט ענקזייעטי באקומט נאכן זיך פלאגן זענען אומצאליג; עס איז אינגאנצן לטובה. און מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן דעם נסיון און אז מיר האבן א וועג ארויס דערפון.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

# שיחת הכנה לחודש אלול

*הערה נחוצה: אין דעם פאלגנדן שמועס וועלן מיר צוזאמנעמען מפי ספרים וסופרים וועגן די עבודה וואס מען דארף טון אין חודש אלול. מיר דארפן באמערקן אז געוויסע ענינים וואס די הייליגע ספרים שרייבן זענען נישט שוה לכל נפש, זיי שטעלן פאר העכערע מדריגות. מיר ברענגען זיי בלויז צו מעורר זיין מענטשן, ווייל דער עיקר איז נישט צו שלאפן אין דעם גרויסן חודש. יעדער איינער זאל ארויסנעמען פון דעם שיעור וואס איז פאסיג פאר אים.*

דער פסוק זאגט: "אריה שאג מי לא יירא?" (עמוס ג,ח). ווען א לייב ברילט, ווער האט נישט מורא? "אריה" איז ראשי תיבות א'לול, ר'אש השנה, י'ום כיפור, ה'ושענא רבה. דאס זענען די "אריה שאג" - די טעג וואס רופן אונז: "טוט תשובה! טוט וואס מ'דארף טון!" יעצט איז די צייט ווען מיר ווערן אויפגעוועקט זיך מקרב צו זיין צום באשעפער. מיר הייבן אן צו מאכן א חשבון הנפש: וואו האלט איך מיט קיום המצוות עשה, מיט די לאווין פון דער תורה? וואו האלט איך מיט מנהגים און מסורות, און מיט דער עבודה פון תיקון המידות, די עבודה פון קדושה און טהרה? וואס דארף איך נאך צולייגן? אויף וואס דארף איך תשובה טון? אויף וואס דארף איך בעטן דעם אויבערשטנ'ס מחילה, אז דער הייליגער באשעפער זאל העלפן יעדן איד זאל אנגעשריבן ווערן א כתיבה וחתימה טובה און אלע מיני ישועות? בכל אופן, יעדער איד דארף תשובה טון. ווען מען טוט אן עבירה, מוז מען תשובה טון. דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אידן און האט אונז געגעבן א צייט פון התעוררות פאר תשובה.

א משל: חלילה, אויב א מענטש גנב'עט, מוז ער עס צוריקגעבן. דער יצר הרע פרובירט אים איינצורעדן נישט צוריקצוגעבן, אבער ער ווייסט אז מען מוז עס צוריקגעבן. מען קען נישט האלטן גע'גנב'עטע זאכן אויף אייביג.

עס איז דא א צייט ווען יעדער איד דארף תשובה טון פאר יעדע מחשבה, דיבור און מעשה וואס מען איז עובר אויף די תורה, אדער פאר מחשבות, דיבור, און מעשים וואס זענען קעגן די תורה, אדער וואס פעלט דעם רצון השם. מען דארף תשובה טון אויף דעם און עס מתקן זיין. דאס איז די צייט פון די חדשים אלול און תשרי.

אלול איז "א לול", "לול" באדייט א קליינע עפענונג, א קליינע טיר וואס דער באשעפער האט געגעבן אז מען זאל קענען ווערן נענטער צו דעם "אלף", צו דעם 'אלופו של עולם', צו דעם הייליגן באשעפער, ברוך הוא, דורכאויס די חדשים אלול און תשרי.

עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז עס זענען דא דריי זמנים צו טון תשובה: אלול, ראש השנה, און יום כיפור. דאס זענען פערציג טעג. אויב א מענטש טוט נישט תשובה ביז יום כיפור אליין, וועט דער אויבערשטער אים אויפוועקן צו טון תשובה. דער באשעפער וויל אונז אויפוועקן צו תשובה. רבי עקיבא זאגט, "אשריכם ישראל!" "אשריכם" איז ראשי תיבות פון א'לול, ר'אש ש'נה י'ום כ'יפור, און דער אות מ', באדייט די פערציג טעג ביז נאך יום כיפור. דאס אידישע פאלק האט די דאזיגע צייטן, וואס ווערן מרומז אין "אשריכם". וואויל איז צו דאס אידישע פאלק אז עס זענען דא די פערציג טעג אין וועלכע מיר קענען זיך דערנענטערן און תשובה טון.

"לפני מי אתם מטהרים?" "מי" איז ראשי תיבות פון יום מ', דער פערציגסטער טאג, וואס איז יום כיפור. "לפני מי" - די אותיות פאר "מי" זענען ל"ט, וואס זענען די טעג פון אלול ביז יום כיפור. "אשריכם ישראל," וואויל זענען די אידן וואס רייניגן זיך "לפני מי," פאר יום כיפור, וואס איז דער פערציגסטער טאג. "ומי מטהר אתכם?" ווען יום כיפור קומט אן, אפילו אויב איינער האט זיך נישט אליין אויפגעוועקט צו טון תשובה, וועט דער באשעפער אים אויפוועקן - דער עצם היום איז מכפר. אבער דער אויבערשטער וויל נישט אז מיר זאלן ווארטן אויף דעם.

המשך יבוא אי"ה

## קול פנים מאירות

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691

| **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500